שנה ו'
פרשת נח
נומער 284

קרית ברסלב

נעמען דעם קערפער פאר א וועגוויזער?
בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

מאנטאג ווירא
ישראל דוד העסקעל

מענטשליכע איבערוואג
שמואל אייכענשטיין

האמיאפאטישע מעדעצין
גרשון קרעמער

געקנייטשטע קארן טשיפס
משה ארי' שניצלער

קרן הבנין
מגבית
הרחבת גבולי קדושה

שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה

א תשרי צום געדענקען!

קרית ברסלב בלעטל

פרשת נח תשפ"ו • 284

רעדאקטאר
אברהם הערש וועבערמאן
רעדאקציע
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
שרייבערס
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
ניקוד
יודא לייב ווייס
גרעפיקס
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

צו אדווערטייזן אדער ארייַנשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייַנצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

יום טוב בהיכל הקודש 42

משכונות באפרייט 12

מיין סוכות אין ירושלים 37

בריוו פון ראש ישיבה 18
ברסלב'ע שטוב 29
קינדער בלעטל 40
געשעעניש 42

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

זמנים
נח ג' חשון תשפ"ו

הדלקת הנרות . 05:45
מוצאי שבת 07:13

מנחה מעריב
פרשת לך לך 6:50

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו
וזוגתו תחי'

וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פון 'קרן הדפסה'

לרגל שמחת החתונה פון בנם
החתן בנימן זאב נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש
נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו
זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און
פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

באנייט נייעם שטאק ביים תלמוד תורה

הרחיבו מקום אהלך

יא עס איז ברוך השם א פאקט! יעצט ווען איר ליינט די שורות, זיצן שוין די קינדערלעך אינעם נייעם שטאק וואס איז ארויפגעצויגן געווארן אויפן עקזיסטירנדן בנין ביי 39 טשעסנאט

דער ראש ישיבה האט געבעטן דעם בויער מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו ער זאל טון די קאמפליצירטע ארבעט פון ארויפציען דעם שטאק, אבער ער זאל עס זען צו ענדיגן אויף אזוי שנעל ווי אסרו חג, כדי די קינדער זאלן קענען אנהייבן ניצן דעם פלאץ גלייך נאך יום טוב.

נאכן איבערגיין די פלענער, און זען וויפיל טעג עס איז נאך דא ביז אסרו חג, און וויפיל טעג צווישן די ימים טובים עס וועט בכלל זיין מעגליך צו ארבעטן, איז ר' שבתי נ"י צוריקגעקומען מיטן פאזיטיוון ענטפער אז מען וועט עס מיטן אייבערשטנ'ס הילף באוויזן.

ממש הארט פאר ראש השנה, נאכן באקומען די פערמיט צו בויען, האט מען זיך גענומען צו די ארבעט מיט פלייס און אייפער. מען האט געארבעט בייטאג און ביינאכט אן אויפהער. מען האט געארבעט איינער אינעם צווייטן.

און יא ברוך השם מען האט דאס באוויזן. די וואך זונטאג פרשת נח האט מען באנייט דעם הערליכן גרויסן שיינעם שטאק, וואס אנטהאלט אין זיך ברייטע קלאסן פאר יעדע כיתה באזונדער.

אלע תושבים זענען זייער דאנקבאר פאר אלע וואס האבן זיך אנגעשטרענגט, און אריינגעארבעט אז דאס זאל קומען צום רעאליטעט, אלעס כדי אונזערע טייערע קינדער זאלן האבן א רואיג געשמאק ווינקל צו לערנען און דאווענען, און קענען חזר'ן נאך א טאג אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, און נאר צו אים ווענדט מען זיך ווען מען האט א פראבלעם.

באזונדער טוען מיר זיך הערצליך באדאנקן פאר די באקאנטע באליבטע גבאי צדקה מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו, וואס האבן גענומען אויף זייערע פלייצעס די אויפגאבע פון שאפן די איבער מיליאן דאלער וואס דער פראיעקט האט געקאסט, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן אלעס גוטס פאר די געוואלדיגע ארבעט.

אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל פיהם של תינוקות של בית רבן

מיר ווילן ווינטשן א הערצליכן

ברכת מזל טוב

פאר אונזערע
געטרייע תומך

מו"ה מרדכי היימליך הי"ו

וואס שטייט אלץ צו די האנט
פון מוסדותינו בארה"ק

לרגל הולדת בנו למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זעהן פיל נחת ביי אלע דיינע
קינדער און דורות און אייביג קענען העלפן דעמן רבין ביד נדיבה

וואונטשט, אהרן וועבערמאן
גבאי מוסדות קרן הצלה - צדקת ר' מאיר בעל הנס

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

קרן הצלה

מענטשליכע איבערוואג

עס איז געווען אין יאר פון 1987 למספרם ווען עטליכע דרום קארעאנער ביזנעסלייט האבן זיך צוזאמגענומען בויען א גרויסן אפארטמענט בנין אין הארץ פונעם הויפט שטאט סעאול, מיטן פלאן צו בויען א געביידע וואס וועט ענטהאלטן פיר שטאק פון דירות.

ערגעצוואו אינדערמיט פון בויען, ווען די גרויסע מאשינערי האבן געארבעט אויפן העכסטן טעמפא, די קולות פון האמער און גראבערס האבן שוין אפגעהילכט אינעם ווייטן האריזאנט, איז געקומען איינער פון די בעלי בתים פונעם פראיעקט, אייגנטליך דער גרעסטער פון צווישן די בעלי בתים, נישט צי א קלוגער און איינער וואס האט בכלל נישט פארשטאנען צו געבויערייי, ער האט געדרייעט מיטן פינגער בבחינות מה נשתנה, "פארוואס זאל מען בויען הייזער און זיין פשוטע הייזער בויער? לאמיר ענדערש בויען עפעס א בנין וואס וועט קענען דינען אלס א לאנגיעריגע אינוועסטמענט וואס מען וועט קענען לייגן אונזער נאמען אין גרויס אז יעדער זאל זען אז מיר זענען געלונגענע בויערס.

אזוי ווי קיינער האט אים נישט געקענט ענטפערן קיין מענטשליכע תשובה פארוואס נישט, ווייל גיי טענה דיך מיט א גבר אלים, איז געבליבן אז אזוי וועט טאקע זיין, די דירות פלאן איז אראפגעפארן פון טיש און אנשטאט דעם האט מען אינמיטן קאנסטראקשאן, געטוישט די פלאן אז מען גייט בויען אינעם בנין א גרויסע ריזיגע גיגאנטישע דעפארטמענט געשעפט גרויס פיר שטאק, אזוי אז יעדער זאל וויסן אז מיר האבן נישט געבויעט סתם עפעס א הייזער געביידע נאר אז מיר האבן עפעס אויסערגעוויינטליך אויף אונזער נאמען.

דער ארכיטעקט האט אויפגעהויבן א וויי-געשריי (א וואס???) אז דער סטרוקטוראלע געבוי מיט די פונדאמענט איז געבויט געווארן מיטן ציל צו בויען הייזער, און ווי קומסטו מיר דא אזוי צעווארפן די פלענער מיט די בלויע פרעזענטאציעס פון איין מינוט אויפן צווייטן? אזוי ווי די בעלי בתים האבן אבער זיך געהאלטן ביי זייער איז ער אפגעזאגט געווארן פון זיין ארבעט.

נאך עטליכע יאר פון האקן און זעצן האט מען זיך דערזען מיט א גאנצע געביידע וואס איז באשטאנען פון גרויסע אייזערנע ביעמס מיט א פלעט סלעב דאך/פלאר פאר יעדע שטאק באזונדער.

דער אויבענדערמאנטער חכם איז נישט געפאלן די סייז פון די ביעמ"ס האט ער באפוילן צו פשוט און גראד קלענער מאכן די ביעמ"ס אזוי אז די געשעפט זאל האבן מער פלאץ. עטליכע וואס נוצן דאס וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט צווישן די אויערן האבן אים אנגעקוקט ווי איינער וואס איז פון זינען אראפ, אבער אלס דער מיט די געלט איז נישט געווען קיין ברירה נאר אים צו פאלגן.

ער האט אויך לעצט מינוטיג באשלאסן אז מען גייט צולייגן א פיפטע שטאק, א רעסטוראנט. אבער אין יענע זייט פון די וועלט איז איינגעפירט אז מען עסט זיצענדיג אויף דער ערד, זיי שפארן אויף בענקלעך... האט מען אריינגעלייגט אזעלכע הייצונג אין די ערד אזוי אז ווינטער זאל אויך זיין פיין ווארעם פאר די וואס קומען עסן דאס זייעריגע.

אזוי האט מען געעפנט דעם גרויסארטיגן געשעפט און ווי געפלאנט איז געווען א מאסיווע הצלחה, א געשאצטע פערציג טויזנט פערזאנען זענען געקומען באזוכן דעם גרויסן געשעפט יעדן טאג, און אזוי איז דאס אנגעגאנגען פאר אייניגע יארן.

דער עיקר בראך האט זיך אנגעהויבן ווען די באמבאסטישע עיר קאנדישאנ'ס וואס זענען געלעגן אויפן דאך זענען נישט גוט אינסטולירט געווארן און עס האט געמאכט הויכע גערודער, די שכנים ארום האבן זיך אפגערעדט אז מען ברויך עס פאררעכטן. די פארוואלטונג פונעם גרויסן געשעפט האבן אבער באשלאסן אז עס לוינט זיי ענדערש צו מאכן א שווייג פונעם גאנצן געשעפט און אנשטאט פאררעכטן האבן זיי גערוקט די עיר קאנדישאן מער אין צענטער פונעם דאך אזוי אז די גערודער זאל נישט שטערן דעם גאנצן ארום, נישט וואוסענדיג אז זיי האבן געלייגט די דרוק פון די גרויסע מאשינען דירעקט אויף איינע פון די אויבנדערמאנטע קלענערע געמאכטע ביעמס, און דאס האט אויך געפירט צו גרויסע שאקלענישן אויפן בנין, Vibration.

און... ביז עטליכע חדשים האט די בנין אנגעהויבן באקומען גרויסע שפאלטענס,

א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

שמואל אייכנשטיין

בפרט אויפן העכסטן שטאק אינעם רעסטאראנט און אויך איין שטאק אונטער דעם. דער אויבענדערמאנטער בעל הבית האט רעאגירט מיטן אראפנעמען די געשעפט פראדוקטן פון אויבן און עס אראפפירן אין קעלער אריין.

אינעם גורל'דיגן טאג פון זונטאג 1995 29 June למספרם, איז געווען אן אומגעוועגטליכע צאל הויכע קליענטן אינעם גרויסן געשעפט, פון דעם העכסטן שטאק זענען אנגעקומען אסאך טענות פון קונדן אז עס וואקלט זיך און שאקלט זיך דעם גאנצן ארום. די ארטיגע מענעדזשערס האבן רעאגירט מיטן אויסלעשן די עיר קאנדישאן און פארשפארן געוויסע טיילן פונעם שטאק.

אביסל שפעטער איז אראפגערופן געווארן אן ארכיטעקט און אינספעקטירט דעם בנין. ער איז צוריק געקומען מיט א דראמאטישע רעפארט אז די גאנצע געביידע איז אין געפאר פון איינפאלן אזוי ווי ס'שטייט און גייט. עטליכע מינוט שפעטער איז פאררופן געווארן א דרינגענדע זיצונג צווישן די פירערס פונעם געשעפט, אלע האבן געוואלט אומצווידייטיג אויסרופן אויף די הויכהילכערס אז מען זאל שנעל ארויסגיין פון דעם גאנצן געביידע, אבער דער זעלבער אנדרייער וואס האט אונז באגלייט ביז אהער איז געקומען מיט א טענה, "אויב אלע קאסטומערס גייען אוועק וועלן מיר נישט מאכן היינט קיין געלט"...

ער האט נישט ערלויבט צו פארשפארן דעם בנין. וכך הוה ער האט אויסגעפירט, גראד נאכן זיצונג איז ער אנטרינען געווארן פונעם שטח, אויס מורא פאר וואס קומט.

אביסל שפעטער אינעם טאג האט זיך געהערט הויכע גערודער פונעם דאך, און די מענעדזשערס האבן ארויסגעשיקט יעדעם פונעם העכסטן שטאק.

מיט עטליכע מינוט שפעטער האבן זיך אנגעהויבן הערן גרויסע גערודער ווי מען האט געהערט שטיקער פאלן, די מענעדזשערס האבן אנגעצינדן אלע אלארמס און ארומגעגאנגן שרייען אז מען זאל ארויסגיין, אבער עס איז שוין געווען אביסל צו שפעט...

און דער מאמענט איז אנגעקומען: דער גאנצער געשעפט האט זיך צוזאמגעלייגט ווי א שאכטל קארטן.

איבער פינף הונדערט גוים זענען אומגעקומען אינעם צוזאמפאל, טויזענטער זענען פארוואונדעט געווארן.

ווען די שטויב האט זיך ענדליך געזעצט און מען האט געענדיגט ארויסשלעפן אלע איבערלעבער, האט מען זיך צוזאמגעזעצט באקוקן וואס דא האט אזוינס געקענט פאסירן אז א גרויסן בנין זאל אזוי נישט דיר נישט מיר איינטראסקענען? טויזענטער פארוואונדעטע און די אלע פאמיליעס פון די אומגעקומענע האבן זיך ספאנטאן ארויסגעלאזט אין גרויסע פראטעסטן איבער די גאסן פון סעאול פארלאנגענדיג אן ערקלערונג.

ווי פארשטענדליך איז די אויספארשונג צוריקגעקומען מיט די אומפארמיידבארע אמת, פשוט, מען האט נישט געפאלגט די פלענער און דאס האט געפירט צום צוזאמפאל. דער חכם וואס האט געפירט און געדרייעט און איינגעפלאנצט דעם חורבן איז געגאנגען זיצן אין חד גדיא פאר זיינע ערנסטע פארברעכנס.

יעצט שטעלט זיך די קשיא פאר מיר, וואס איז שוין דער פראבלעם? מען האט געבויעט א בנין, ס'איז בערך גוט געבויט, נו וואס איז די צוזאמפאלעניש?

נאר, דער תירוץ איז אז מען דארף פאלגן די ערשטע פלענער וואס אן ערפארענער ארכיטעקט האט אויסגעשטעלט מיט א פונקטליכע פונקליכטקייט, אויב רוקט מען נאר איין ביסל אהין און נאר איין טראפ אהער דאן טרעפט מען זיך מיט אן איינגעפאלענע הויפן פון ברוכווארג.

מער פשוט, מען דארף פאלגן די ווערטער פון צדיקים געוני אויפן ווארט אן טראכטן אז מען גייט קענען טוישן נאר איין ביסל אויף סיי וועלכע וועג.

היכל הקודש
נייעס

קרית ברסלב

א הערליכע פרייליכע און ווארימע יום טוב איז אריבער אין שטעטל צוזאמען מיטן ראש ישיבה.

פון א שבת נאך ראש השנה האט זיך אנגעהויבן איין לאנגע קייט פון ווארימע דערהויבענע תפילות און דרשות. מען האט געלאנדעט אין שטעטל צוריק פון אומאן דאנערשטאג / פרייטאג. א גרויס עולם איז אנגעקומען פרייטאג אינדערפרי. ביי שחרית האט דער ראש ישיבה געבעטן פונעם עולם מען זאל זיך נישט אראפשלעפן צו האשקי שול כדי מען זאל זיך קענען אפרוען פונעם שווערן וועג און קענען פאסטן יום כיפור אן קיין שוועריקייטן. עס איז טאקע געווען א שטילע שבת ביים ראש ישיבה מיט א קליינע ציבור אידן. ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה גערעדט ממש אפאר איינצעלע ווערטער נאכדעם וואס ער איז געווען פארקילט און הייזעריג נאכן לאנגן שווערן וועג.

ערב יום כיפור איז מען אויפגעשטאנען פרי צו שלאגן כפרות, אהערגעשטעלט צום צווייטן יאר דורך די בית השחיטה ברסלב וואס ווערט געפירט דורך אחים פעלבערבוים החשובים, און די חשובע שוחטים מו"ה רפאל פורסט הי"ו און מו"ה שלמה רוטה הי"ו. מו"ה דוד יודא איידליס הי"ו האט אויפגעבויעט דעם גאנצן צענטער מיט אלע איינצלהייטן וואס האט אויסגעפעלט. עס איז געווארן אנגעפירט דורך דער מענעדזשער מו"ה נח הערש ווייס הי"ו. אזוי אויך האבן ארויסגעהאלפן אויפן פלאץ נאך אינגעלייט און בחורים כל אחד בשמו יבורך.

נאך שחרית האט דער שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו געטיילט קוכן פאר אלעמען אזוי ווי דער מנהג איז. דערנאך זענען אלע זיך געגאנגען צוגרייטן צום הייליגן טאג יום כיפור.

פאר כל נדרי האט מען געהערט גאר פייערדיגע דיבורים, ווי דער ראש ישיבה האט צווישן אנדערע ארויסגעברענגט אז מ'זאל נישט זיין קיין עניו און טראכטן אז מיינע תפילות טוען נישט אויף, נאר מ'דארף וויסן אז מיין תפילה איז זייער חשוב ביים אייבערשטן און יעדע תפילה טוט אויף. אויך האט דער ראש ישיבה געבעטן מען זאל ארויסנעמען אלע ווייטאג וואס מען האט איינער אויפן צווייטן, מען זאל אלעמען מוחל זיין, דעמאלט וועט דער אייבערשטער אונז אויך מוחל זיין און פארשרייבן א גוט יאר. דער ראש ישיבה האט געדאוונט פארן עמוד און אריינגעברענגט א געוואלדיגע התעוררות אין אלע מתפללים.

נאך יום כיפור האט מען זיך געגרייט צום פרייליכן יום טוב סוכות, דאס יאר האט מען צוגעלייגט א סוכה פארנט פונעם בית המדרש כדי צו פארגרינגערן צו שאקלען לולב און כאפן א טרינק.

***

די ערשטע טעג יום טוב סוכות זענען אריבער מיט גאר געהויבנקייט און געשמאק מיט'ן ראש ישיבה שליט"א,ביידע טעג פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א געלערנט זוהר הקדוש אין סוכה פון בית המדרש און אויך ארומגערעדט דברי התחזקות. דערנאך האט מען געדאווענט מיט געשמאק, די הלל און הושענות איז געווען גאר דערהויבן.

נאכ'ן דאווענען איז צוגעשטעלט געווארן א ברייטע קידוש אין די סוכה, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות, און גערעדט שיינע זאכן ווי אזוי אויסצונוצן דעם יום טוב ווי עס דארף צו זיין. דעם ערשטן טאג האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די אושפיזין אברהם אבינו, מען זעט אז די נסיון פון די עקידה ווערט גערעכנט פאר אונזער טאטע אברהם, און נישט אינטער יצחק, וואס לכאורה האט ער זיך געלאזט שחט'ן פארן אייבערשטן, נאר די טעם פארוואס די תורה שרייבט עס צו פאר אברהם אבינו איז ווייל ער האט געהאט דעם נסיון אסאך שטארקער, צוליב דעם וואס זיין נאטור איז געווען א שטיק חסד, און יצחק זיין זון איז געווען מדת הגבורה וואס דאס איז א שטארקער פעסטער נאטור נישט צו מורא האבן פון גארנישט. האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז ווען א מענטש טוט חסד פון נאטור אויס, איז דאס נאכנישט אזא חידוש, ווי ווען ער גייט ארויס פון זיין וועג וואס איז אנטקעגן זיין נאטור, און דאך טוט ער דאס, דעמאלט איז דאס זייער חשובביים אייבערשטן.

דעם צווייטן טאג האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון דעם וואס מען זעט אז יצחק אבינו איז געבוירן ווען אברהם מיט שרה זענען געווען גאר אלט, שרה האט געלאכט ווען מען האט איר געזאגט אז זי גייט נאך האבן א קינד, אבער צום סוף האט דאס ווירקליך פאסירט. דאס ווייזט אונז אז מען טאר קיינמאל נישט אפמאכן אז איך בין גוט אין מיין מצב וואס איך בין, איך גיי מער נישט בעטן דעם אייבערשטן ארויסצוקריכן פון מיין פראבלעם, חס ושלום אזוי צו טראכטן, דער אייבערשטער איז גרויס און קען דיר ארויסנעמען פון דיין פראבלעם וואו דו ביסט, בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג וועסטו זיכער זען א ישועה.

***

דאנערשטאג נאכט חול המועד איז פארגעקומען די סעודת הילולא צו די יארצייט פון הייליגן רבי'ן. די סעודה איז פארגעקומען אין די גרויסע סוכה אין הויף פון בית המדרש, א ברייטע סעודה איז צוגעשטעלט געווארן פאר מענער אין די סוכה, און אזוי אויך פאר די פרויען אין בית המדרש, אנשי שלומינו זענען געקומען צו פארן פון איבעראל מיטצוהאלטן די יארצייט סעודה. ביי די סעודה האט מען געזינגען דעם "שיר ידידות" פון הרה"ח רבי יצחק ברייטער ז"ל, וואו עס ווערט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון הייליגן רבי'ן און וואס מיר באקומען אלץ פון אים. אזוי אויך האט מען געזינגען נאך יום טוב ניגונים.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דברות קודש איבער די געוואלדיגע מתנות וואס דער רבי געבט אונז, בפרט די שטארקע אמונה וואס דער רבי ברענגט אריין אין אונז, אז מיר זאלן שפירן אז דער אייבערשטער איז מיט אונז אין יעדן מצב, און אזוי ווייטער אלע געוואלדיגע עצות פון הייליגן רבי'ן, מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה אז מיר האבן דעם הייליגן רבי'ן, יעדער מענטש אויף דער וועלט מוטשעט זיך, כאטש פונדרויסן קען זיך דאכטן ווי יעדן גייט גוט און נאר פאר מיר גייט עס נישט ווי איך וויל, איז אבער דער אמת אז יעדער האט זיינע אייגענע שוועריקייטן און נסיונות אין לעבן ברוחניות און בגשמיות און מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן קען יעדער איד זיך שטעלן אויף די פיס און מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. מיר האלטן שוין 215 יאר נאכ'ן הסתלקות פון הייליגן רבי'ן, אבער דער פייער פון רבי'ן ווערט נאר שטערקער פון יאר צו יאר, עס איז מקרב נאך און נאך אידן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז זיין פייער וועט שוין ברענען ביז משיח וועט קומען. דער ראש ישיבה האט גאר שטארק געבעטן אנשי שלומינו צו האבן שכל און אנהייבן מאכן שיעורים אין הייליגן רבינ'ס ספרים, וואס דורך דעם וועט מען זיך קענען דערהאלטן אין אלע שווערע מצבים וואס מען פאלט נאר אריין. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ספר ליקוטי מוהר"ן איז אים געווען די שווערסטע ספר צו לערנען, עס האט אים גענומען אסאך יארן ביז ער האט אנגעהויבן שפירן א טעם אין דעם. "ווען איינער זאל מיר זאגן אז איך וועל נאך אמאל שרייבן א שיינעם גרינגן פירוש אויף ליקוטי מוהר"ן וואס אפילו קינדער קענען פארשטיין וואלט איך דאס נישט געקענט גלייבן, אבער דאס איז היינט די מציאות אז נאכן לערנען דעם ספר אזוי סאך מאל איז דאס היינט א אפענע ספר פאר מיר".

נאך די סעודה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און זיך געפריידט בשמחת בית השואבה.

***

שבת חול המועד איז אדורך גאר פרייליך אין געשמאק מיט גאר ווארימע תפילות. ביי די קידוש האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די הושענות וואס מען זאגט שבת, הושענא יושבת וממתנת עד כלות שבת הושענא, וואס פון דא זעט מען די חשיבות פון א איד וואס היט שבת און טוט נישט קיין מלאכה גאנץ שבת. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט נאך א פשט וואס מען קען זאגן אויף דעם, אז דאס איז א תפילה וואס א איד בעט דעם אייבערשטן, הושענא העלף מיר אייבערשטער אז איך זאל נישט זיין פון די מענטשן וואס ווערן צופלאצט פונעם שבת, און ווילן נאר זיך ארויסזען דערפון, העלף מיר האבן א טעם אינעם

שבת, עס זאל זיין א זאך וואס איך קוק ארויס דערויף ווען וועט שוין דער שבת אנקומען.

און אזוי ווייטער האט מען גערעדט גאר שיינע דברי חיזוק פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט.

***

זונטאג נאכט, ליל הושענא רבה, האט מען געליינט משנה תורה, דערנאך איז פארגעקומען א סעודה אין די סוכה. ביי די סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם ווארעמע ניגוני התעוררות, דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט עטליכע דיבורים איבער די גרויסקייט פון הושענה רבה, מ'קען קיינמאל נישט וויסן וואס מ'קען אויפטון מיט איין קאפיטל תהלים, מיט איין ווארט צום אייבערשטן, דער ראש ישיבה האט מעורר געווען אז מ'זאל אויסנוצן דעם הייליגן טאג, ווען מ'דערמאנט זיך זאל מען בעטן נאך א תפלה צום אייבערשטן אז עס זאל קומען א זיס ליכטיג יאר, מ'זאל אונז ארויסשיקן נאר גוטע קוויטלעך פון הימל.

דערנאך איז מען אריין אין בית המדרש וואו מ'האט אויסגעזאגט תהלים און זיך אויסגעבעטן א גוט געבענטשט יאר.

***

אויף די צווייטע טעג יום טוב זענען געקומט צו פארן פילע אנשי שלומינו מיטצוהאלטן די געהויבענע טעג פון יום טוב צווישן אנשי שלומינו.

הושענא רבה איז געווען א גרויסע התעוררות ביי די הושענות, צווישן יעדע שטיקל פון די הושענות האט דער ראש ישיבה מעורר געווען אויף אן אנדערן ענין, די התעוררות איז געווען גרויס, אלע האבן תשובה געטון און געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל זיך קענען פארגענומען גוטע קבלות. און געבעטן אויף א גוט קוויטל פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל (צו הערן די דרשות רופט אריין קול ברסלב).

צווישן די פילע זאכן האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט די גרויסקייט און די חשיבות פון יעדע תפילה וואס א איד בעט דעם אייבערשטן. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה מעורר געווען זיך צו מאכן א חשבון הנפש אויב מען דארף האבן א טעלעפאון אדער נישט, דאס איז נישט א זאך וואס דו קענסט אוועקנעמען פון א מענטש, דאס דארף יעדע מענטש זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן לויט זיין מצב. אבער דאס איז זיכער אז מען מוז זיך היטן די אויגן, וואס דאס איז די יסוד פון א איד.

ביי די לעצטע הושענות, ווען מ'דערמאנט די זכותים פון אלע צדיקים, האט דער ראש ישיבה גערעדט אז אויב וויל מען זיין א איד דארף מען געדענקען אז אן א צדיק קען מען דאס נישט באווייזן, א איד מוז האבן א צדיק וואס זאל אים מעורר זיין און מחזק זיין און אים צוקלעבן צום אייבערשטן, און נאר אזוי קען מען מצליח זיין.

נאכ'ן דאווענען איז דער עולם זיך צוגאנגען מיט גרויס התעוררות פון די געהויבענע תפילות און הושענות.

***

שמיני עצרת און שמחת תורה, די צווייטע טעג יום טוב, האט מען געטאנצן די הקפות מיט גרויס פרייד, מען האט זיך געפריידט מיט די הייליגע תורה, אז מען האט זוכה געווען די גאנצע יאר צו לערנען אסאך די הייליגע תורה, און אז עס קומט א פרישע יאר וואס מען וועט אנפילן מיט אסאך לימוד התורה און מיט מצות ומעשים טובים.

מ'האט געקענט זען אז אנשי שלומינו זענען באמת פרייליך מיט די תורה, ס'איז נישט קיין געמאכטע מעשיות וואס מ'טאנצט פאר א שטיק צייט און דערנאך לאזט דאס נאך, ניין! די טענץ און די שמחה האט אנגעהאלטן פון אנהייב די ערשטע הקפות ביזן לעצטן הקפה פון שמחת תורה.

דער ראש ישיבה האט במשך די הקפות אריינגעברענגט א געוואלדיגע פרישקייט אין אלעמען און געזען אז מ'זאל טאנצן און זיך פרייען מיט די תורה איש בל יעדר. דער ראש ישיבה האט זיך גאר שטארק אפגעגעבן מיט די חשובע קינדער, געזינגען מיט זיי שיינע אידישע ניגועים, און געטיילט פיינע ממתקים פאר ווער

עס האט שיין געזינגען.

שמחת תורה אינדערפרי פאר יעדע הקפה האט דער ראש ישיבה גערעדט אפאר דיבורים ארויסברענגענדיג פארוואס מען טאנצט און וואס מען זאל בעטן דעם אייבערשטן ביי די הקפה, יעדע הקפה איז דאך אנטקעגן אן אנדערע מדה, וואס דעמאלט בעט מען דעם אייבערשטן פאר יענע מדה. למשל ביים דריטן הקפה וואס איז אנטקעגן תפארת האט דער ראש ישיבה מסביר געווען אז תפארת איז צאמגעשטעלט פון חסד און גבורה, עס איז דא אמאל א מענטש וואס ביי אים איז אייביג חסד, עס גייט אים אלעס גוט, ווידעראום איז דא איינער וואס ביי אים איז גבורה, עס גייט אים ליידער נישט גוט. אבער פון די אנדערע זייט איז דא א מענטש וואס ביי אים איז תפארת, ער לעבט מיטן אייבערשטן סיי ווען עס גייט בחסד און סיי עס פארט אויף די גבורה'דיגע וועג, אלץ ווייסט ער אז עס איז תפארת עס איז שיין ווייל דער אייבערשטער האט עס מיר געשיקט.

ביי איין הקפה האט מען געזינגען "נאך א בעבי נאך א בעבי", האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "מיר זינגען דאס זייער געשמאק דא אין שול, אבער דעם אמת'ן דאנק קומט זיך פאר די אידישע פרויען וואס געבן זיך אזוי אפ מיט די קינדער. עס איז דא מענטשן וואס צוקריגן זיך בשעת א ברית ווייל מען האט אים נישט געגעבן א כיבוד צו האלטן די בעיבי, וואס באמת איז דאס א גרויסע שטות, קענסט האלטן די בעיבי אינדערהיים בשעת עס וויינט, וויג עס און שאקל עס. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מען האט געזען אן אינטערעסאנטע זאך בשעת מוהרא"ש איז אוועק, יענע מינוט האבן עפעס די בעבי'ס זיך גענומען וויינען, איך האב דאס געהאט ביי מיר, און אויך אנדערע אינגעלייט האבן מיר געזאגט אז זיי האבן דאס אויך געהאט, ווייל בשעת עס איז דא דינים וויינען די בעבי'ס און מיט דעם גייען אוועק די דינים, די געטרייע מאמעס וויגן דעם קינד, שטייען אויף אינמיטן די נאכט צו בארואיגן דעם קינד, דאס נעמט אוועק אלע דינים פון אידישע קינדער".

במשך דעם יום טוב האבן מיר געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, אז אזוי ווי עס הויבט זיך אן דער נייער יאר, זאלן מיר זיך נישט לאזן נארן, נאר מיר זאלן אנהויבן מיט א פרישקייט צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און דאן ווען עס וועט קומען דעם קומענדיגן יאר שמחת תורה וועלן מיר זיך האבן מיט וואס צו פרייען אז מיר האבן אנגעפילט דאס יאר מיט גוטע זאכן, און ווען עס וועט קומען דער לעצטער טאג פונעם מענטש וועט ער האבן מיט וואס צו גיין צום טיש, ווייל נאר די תורה און מצות וואס דער מענטש כאפט אריין אויף די וועלט, נאר דאס בלייבט פון אים, און נאר דאס נעמט מען מיט אויף יענע וועלט.

ספעציעל דער ענין פון מעביר סדרה זיין די פרשת השבוע יעדע וואך, א זאך וואס איז ליידער זייער נאכגעלאזט ביי אסאך מענטשן, און די סיבה דערצו איז ווייל מען וויל עס טון דוקא פרייטאג, און מען יאגט נישט אן דאס צו פארענדיגן. ווען מען זאל ווען אבער טון אזוי ווי דער שלחן ערוך לערנט אונז, אז פון זונטאג קען מען שוין אנהויבן מעביר סדרה זיין די וואכעדיגע פרשה וואלט דאס יעדער איד געקענט באוויזן. זונטאג לערנט מען ביז שני און מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער די גאנצע וואך, און ווען עס קומט סוף וואך האט מען געענדיגט די גאנצע סדרה. אויסער דער חיוב וואס ס'איז דא צו לערנען די פרשה יעדע וואך שנים מקרא ואחד תרגום, איז מען אויך זוכה צו די געוואלדיגע הבטחה וואס חז"ל זאגן צו: "כל המשלים פרשיותיו עם הציבור, מאריכין לו ימיו ושנותיו"- אז ווען א איד איז מעביר סדרה איז ער זוכה צו א גוטע לאנגע לעבן.

מוצאי יום טוב האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ אויפן ניגון "שובו לכם לאהליכם" מען האט זיך געזעגנט איינער פונעם צווייטן מיט א שמחה אז מען האט געהאט די זכיה זיך צו פרייען צוזאמען במשך דעם יום טוב.

דער הערליכער יום טוב האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו וועלכע האבן געשעפט פרישע חיזוק והתעוררות צום נייעם יאר. עס וועט געדענקט ווערן פאר א לאנגע צייט, די דרשות פון חיזוק און התעוררות האט זיכער עושה רושם געווען אויף אלעמען אויפן לאנגן ווינטער וואס קומט, מ'האט זיך גוט אויפגעפרישט די נשמה מיט די אלע תפילות און דרשות וואס מ'האט געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א, און מ'האט זיכער גע'פועל'ט א גוט זיס יאר.

שישו ושמחו בשמחת התורה!

גרשון קרעמער

לעצטע פון די משכונות באפרייט פון געפענגעניש נאך צוויי יאר

נאך צוויי יאר פון ביטערע מלחמות צווישן די צוויי זייטן, איז אנגעקומען דער מינוט. כאמאס האט ארויסגעלאזט די לעצטע 20 פארבליבענע לעבעדיגע משכונות וואס זיי האבן געהאט.

מען קען נישט פארשטיין די שווערע איבערלעבענישן וואס די משכונות זענען אריבער, זייענדיג פארכאפט ביי מערדער פאר וועמען א לעבן פון א מענטש האט נישט קיין ווערד. און אין די זעלבע צייט קען מען נישט משיג זיין וואס זייערע משפחות זענען אריבער. זייער אסאך האבן שוין געהאט אויפגעגעבן האפענונג אז מען וועט זיי נאך אמאל זען צוריק לעבעדיג – מען האט פארשטאנען אז כאמאס וועט אלץ וועלן האלטן כאטש א טייל פון די משכונות כדי זיי זאלן האבן עפעס מיט וואס צו סטראשען.

אבער נאך אזויפיל תפילות פון אידישע קינדער, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז אלע זענען ארויסגעקומען אויף דער פריי. אידן זענען מתפלל אז דער האקעלער "פייער אפשטעל" זאל אנהאלטן, נאכדעם וואס מען הערט כסדר באשולדיגונגען פון ביידע זייטן אז דער אנדערער האט פארלעצט דעם אפמאך

דאס איז א געוואלדיגע לימוד פאר אונז. דו שפירסט זיך געפאנגען ביים סמ"ך מ"ם, ער האט ארויפגעלייגט זיינע שמוציגע לאפעס אויף דיר, ער וויל דיר בשום אופן נישט ארויסלאזן, ער שרייט דיר אין קאפ "דו בלייבסט ביי מיר אויף אייביג, דו האסט נישט קיין וועג ארויס"? עס איז נישט אזוי. אז מיר וועלן נישט אויפגעבן, מיר וועלן מתפלל זיין, און ווייטער האפן, און ווייטער בענקען, צו טרעפן די בת מלך, מיר זאלן קענען באפרייט ווערן פון אונזער יצר הרע וואס מאכט אונז ביטער דאס לעבן ברוחניות ובגשמיות, וועט איין טאג דער נס געשען. מיר וועלן אים באזיגן, און מיר וועלן ארויסגיין גענצליך פריי. נאר נישט אויפגעבן.

עס איז זייער אומקלאר וויאזוי דאס איז צושטאנד געקומען, וויאזוי כאמאס האט מסכים געווען אויף אזא געשעפט וואס לאזט זיי איבער אן קיינע פון די משכונות, און אין די שפעטערדיגע פאזעס זאגט דער אפמאך אז זיי מוזן זיך גענצליך אויפלעזן, זיי מוזן זיך גענצליך אנטוואפענען און איבערגעבן די פירערשאפט פאר אנדערע.

אבער דער אייבערשטער האט שוין זיינע וועגן וויאזוי צו מאכן זאכן געשען. טראץ אלע סקעפטיקער וואס האבן געזאגט אז עס קען נישט זיין, זענען אלע משכונות באפרייט געווארן אינעם הייליגן טאג פון הושענא רבא און אידישע קינדער געפונען זיך אין די שולן און זענען מתפלל, זאגן אויס תהלים.

פילע פון די פארכאפטע און זייערע משפחות האבן זיך במשך די צייט דערנענטערט צו אידישקייט, האבן אנגעהויבן צו אנערקענען אז נאר דער אייבערשטער קען העלפן, און די ערשטע זאך וואס זיי האבן געטון ווען זיי האבן זיך ווידער געטראפן איז געווען אויסשרייען די הייליגע ווערטער "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", די ווערטער פון אמונה, די ווערטער מיט וואס אידן האבן זיך מוסר נפש געווען מאז היתה לגוי פאר'ן אייבערשטן, און גע'חזר'ט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן.

אז מיר אלע וועלן אויסנוצן דעם געלעגנהייט און זיך נאך מער מחזק זיין מיט די אמונה, חזר'ן אמונה, רעדן צום אויבערשטן, און זיך פארלאזן אויפ'ן אייבערשטן, וועלן מיר האבן א זיסע לעבן.

אין שום יאוש בעולם כלל

בס"ד

מודעה משמחת

חלק י"א

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן פאר אנ"ש אז
מיר גרייטן זיך שוין צו דרוקן ספר עצתו אמונה

זכות בספר

$500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

צו קויפן א זכות אינעם
ספר ווענדט אייך צו:

מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347.578.4449

*sruliHeskel

אידינו

מודעות און קרישקעלעך פון די הנהלה

חברי הנהלה

סקול באורד מיטינג

ביי א סקול בארד מיטינג וואס איז לעצטנס פארגעקומען, האט חבר הנהלה מו"ה שבתי מזרחי הי"ו אויפגעטרעטן און ארויסגעברענגט וויפיל סקול טעקס זיי באקומען פון די שטעטל איינוואוינער, און אין די זעלבע צייט ניצן אונז נישט קיין שום סערוויס פון די סקול דיסטריק, די אייציגסטע זאך וואס מיר בעטן איז אז זיי זאלן צושטעלן די באסעס פאר די קינדער פון אונזערע מוסדות.

דאס איז איינס פון די צענדליגע מאל וואס מען פרובירט צו אפראווען, מען דערפאר, מען רעדט נאכאמאל און נאכאמאל זיי זאלן דאס אונז נאכגעבן.

יעצט בלייבט נאר איבער צו מתפלל זיין אז די סקול בארד זאל עס אפראווען, וואס דאס וועט מאכן אסאך גרינגער פאר די מוסדות אז עס וועט נישט זיין קיין קאסטן פאר טראנספארטאציע.

שטאלט ראש השנה

אזוויו די פארגאנגענע יארן האט ברוך השם די קהילה דאס יאר אויך צוגעשטעלט א שטאלט פאר די טעג וואס די מענער זענען געווען אין אומאן, כדי די פרויען זאלן האבן וועגן צו

וואס איז ניעס

קומען און גיין ווי עס פעלט אויס.

דאס איז חוץ פון די קהילה קאר-סערוויס וואס גייט שוין אין די לעצטע פאר חדשים פון וואס די שטעטל איינוואוינער האבן זייער הנאה ב"ה, און אזוי אויך איז דא די מאוו-סאלעוון שאטל וואס גייט אין א גאנץ יאר דורך אויס די ארבעטס טעג פון צופרי ביז ביינאכט פריי פון אפצאל.

בארדיטשוב גאס

אין א מיטינג וואס די הנהלה האט געהאט מיט די הייווע' סופערווייזער, האט מען ארויפגעברענגט די געדאנק פון מאכן די בארדיטשוב גאס פאר א טאון ראוד.

די בארדיטשוב גאס איז יעצט נישט קיין טאון ראוד - דאס מיינט אז די טאון נעמט נישט קעיר פון די גאס, וואס דאס מאכט שווער ביי פארשידענע זאכן און ספעציעל ווען עס קומט די ווינטער און מען דארף שארן און לייגן זאלץ ווען עס פעלט אויס.

די חברי הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו און מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו האבן זיך געטראפן אויפן בארדיטשוב גאס אפאר וואכן צוריק מיטן טאון קאנסילמען דין-פארערנד ער האט געזאגט אז עס איז זייער א שיינע גאס וואס ער האלט אז די טאון זאל עס טאקע איבערנעמען.

יעצט בלייבט נאר איבער צו מתפלל זיין אז די טאון באָרד זאל עס אפראווען, וואס דאס וועט מאכן אסאך גרינגער פאר די בארדיטשוב גאס איינוואוינער וואס האלט שוין יעצט ביי 9 משפחות כן ירבו.

אמר ווי טויזנט ווערטער

חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו מנהל ועד העירוב ביים זיצן אין בית המדרש צאמצונעמען געלט פאר די עירוב

מודעות והצרות

די יערליכע עירוב מעגבעט וואס האט אויף זיך די עירוב מאפע און זמנים פון שטעטל איז שוין ברוך השם ארויסגעקומען אנהייב יאר, אויב פאר וועלכע סיבה האט איר עס נאכנישט באקומען קענט איר זיך ווענדן צו מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו.

ברסלב

קרן הדפסה

היכל הקודש ברסלב

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

מו"ה מרדכי היימליך הי"ו
וזוגתו תחי'

וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פון 'קרן הדפסה'

לרגל שמחת הולדת הבן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

מעשיות פון תפילה

אברהם הערש וועבערמאן

קרית ברסלב

ברוך השם איך האב זוכה געווען צו זיין אין אומאן ראש השנה צוזאמען מיט אלע אנשי שלומינו, זיך אויסבעטענדיג א שיינע גוטע יאר, פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

מיר זענען דארט געווען א שבת פאר ראש השנה, עס איז אדורך זייער שיין און געשמאק, מען האט זיך אביסל אפגערועט נאכן שווערן לאנגן וועג, און מיט דעם זיך געגרייט צום הייליגן יום טוב ראש השנה.

זונטאג נאכט האב איך מיך געלייגט שלאפן, זיך גרייטענדיג צום קומענדיגן טאג וואס איך וועל דארפן פארזאגן סליחות ברוב עם. וואס האט פאסירט איז אז נאך אפאר שעה האב איך מיך באקומען געפערליכע בויך שמערצן, איך האב געשפירט ווי דאס איז עס, איך האלט עס נישט אויס. איך האב פרובירט ארויסצוגיין, אבער עס איז אלץ צוריקגעקומען נאך אפאר מינוט.

איך האב אנגעהויבן טראכטן וואס איך גיי דא טון אויב די בויך וויי האלט אן, איך וועל דארפן זאגן פארן ראש ישיבה זאל צושיקן א צווייטן פארצוזאגן סליחות. איך האב מיר דערמאנט אז איך האב געהאט די זעלבע זאך אין אומאן יארן צוריק, די ערשטע יאר ווען דער ראש ישיבה האט מיר מכבד געווען צו דאווענען פארן עמוד מעריבית, ערב ראש השנה האט מיר אנגעכאפט געפערליכע בויך ווי, דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט נאכגעזאגט א אינטערסאנטע זאך פונעם הייליגן בעלזער רב זי"ע אז ווען מען האט בויך שמערצן זאל מען פרובירן נישט ארויסצוגיין, נאר דאס איינהאלטן אין זיך.

אבער יעצט אין דעם מצב בין איך געווען צו אפגעמאטערט דאס צו קענען באווייזן, איך האב נישט געזען קיין וועג ארויס. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן די שמערצן זאלן אוועקגיין, אויך האב איך צוגעזאגט אז איך וועל דאס מפרסם זיין אינעם קרית ברסלב בלעטל.

שכח אייבערשטער אז די שמערצן זענען נעלם געווארן און איך האב ברוך השם געקענט פארזאגן סליחות אן קיין פראבלעמען, און האבן א שיינעם יום טוב.

שכח אייבערשטער!

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com 845-445-7447

הָאמיאָפּאַטישע מעדעצין

שאלה

לעצטנס האט א געוויסע נאטורליכע דאקטער געגעבן א האָמיאָפּאַטישע מעדיצין פאר מיין ווייב, מען האט מיר געזאגט אז איך זאל אכטונג געבן עס נישט צו לייגן נעבן א מאביל טעלעפאן (סעלפאון). איך בין נייגעריג, וואס מיינט האָמיאָפּאַטישע מעדעצינען? קען מען דאס בכלל געטרויען? יחזקאל שרגא ג.

ענטפער

האסט אנגעכאפט א האקעלע שאלה. נאטורליכע רפואות קען מען דאס געטרויען אדער נישט?

צוערשט לאמיר זען וואס איז דאס האָמיאָפּאַטישע מעדעצין. דאס דארף צו הייסן אז עס איז געבויט אויף די געדאנק אז זאכן וואס קענען ברענגען די פראבלעם אין געזונטע מענטשן, דארפן צו קענען היילן די זעלבע פראבלעמען אין קראנקע מענטשן.

מען נעמט דעם פראדוקט (צום ביישפיל א געוויסע בלעטל) וואס מען וויל געבן פאר'ן קראנקן, און מען מישט עס אויס מיט אלקאהאל אדער וואסער, אסאך מאל מישט מען נאכדעם אויס די געמיש ווידער מיט וואסער נאך עטליכע מאל, ביז עס בלייבט געווענליך נישט איבער אינעם געמיש גארנישט אויסער די וואסער אדער אלקאהאל. דערנאך מישט מען עס אויס, מען שאקלט עס אויף, דאס דארף אויף עפעס א וועג "אויפוועקן" דעם בלעטל, עס זאל קענען היילן, טראצדעם וואס עס איז שוין גארנישט דא יעצט פונעם בלעטל. דאס דארף צו היילן דעם מענטש.

וויבאלד די האמיאפאטישע מעדעצינען זענען נישט שעדליך (זיי האבן גארנישט מער ווי טראפעלעך וואסער אדער אלקאהאל), קענען זיי צומאל העלפן אלץ א פלאסיבא עפעקט. אבער עס איז נישט אויסגעהאלטן על פי תורה זיך צו פארלאזן דערויף זיך צו היילן דערפון. עס איז נישטא קיין שום באווייזן אז זיי העלפן עפעס מער פון א פלאסיבא עפעקט (וואס מיינט, אז אמונה האט א גרויסע כח).

מיר חסידי ברסלב דארפן נישט צוקומען צו די "אומשעדליכע" האָמיאָפּאַטישע מעדעצין, מיר האבן אונזער אייגענע עפעקטיווע האָמיאָפּאַטישע מעדעצינען. דער רבי לערנט אונז צו בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך, און מיט די כח פון תפלה און אמונה (וואס איז אייגנטליך די זעלבע זאך) זענען מיר טאג טעגליך גרויסע נסים

דאס וואס מאנכע לויפן צו אלטערנאטיווע מעדעצינען ווייל דער הייליגער רבי האט געזאגט מען זאל זייער אכטונג געבן פון גיין צו דאקטורים (שיחות הר"ן, סימן נ). שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א אז דער רבי האט אויך געזאגט "אז מען גייט שוין יא צום דאקטער זאל מען גיין צו גאר א גרויסן דאקטער"; דאס הייסט, מען זאל נישט גיין צו א דאקטער וואס לערנט זיך יעצט וכו', נאר צו א דאקטער וואס האט שוין לאנגע יארן עקספיריענס.

דאס איז טאקע נישט דיין שאלה, אבער דא איז אין פלאץ אראפצברענגען וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט דערוועגן. דער ראש ישיבה שרייבט דארט בתוך הדברים "מען דארף זייער אכטונג געבן פון די אלע וואס זאגן מען זאל נישט גיין צו קיין דאקטורים. מיר קענען נישט זיין קלוגער פון די תורה; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ס.): אויפן פסוק (שמות כא, יט): "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" - מִכַּאן שֶׁנִּתְּנָה הַתּוֹרָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת; נאך זאגן חז"ל (סנהדרין יז:): "עִיר שֶׁאֵין בּוֹ רוֹפֵא, אֵין תַּלְמוּד חָכָם רַשַּׁאי לָדוּר בְּתוֹכָהּ", מען טאר נישט וואוינען אין א שטאט וואו עס איז נישט דא קיין דאקטער."

אויך שרייבט דער ראש ישיבה דארט: "מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון הרב החסיד ר' לוי יצחק בענדער זכרונו לברכה, אז אין אומאן האט געוואוינט א גרויסער ערליכער איד אן אייניקל פון רבי'ן, ער איז געווען א משפיע און פלעגט פארלערנען וכו', זיין גאנץ לעבן פלעגט ער רעדן קעגן גיין צו דאקטורים און ווען ער איז עלטער געווארן איז נישט געווען קיין איין דאקטער וואו ער זאל נישט האבן געווען; זעט מען אז מען דארף זייער אכטונג געבן פון זאגן פאר א צווייטן נישט צו גיין צום דאקטער. עיין שם.

מוהרא"ש זאגט אז פאר מען גייט צום דאקטער זאל מען לערנען די תורה (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ג), געבן צדקה און בעטן דעם אייבערשטן ער זאל שיקן א גוטער דאקטער און מען זאל האבן א רפואה שלימה."

נעמען דעם קערפער פאר א וועג ווייזער

שאלה

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ נוּץ מַיין קֶערְפֶּער פַאר מַיין וֶועג וַוייזֶער, וֶוען אִיךְ לֵייג זִיךְ אַרֵיין אִין מַיין קֶערְפֶּער קֶען אִיךְ וִויסְן וואו אִיךְ הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן אִיךְ קֶען שְׁפִּירְן וֶוען עֶפֶּעס אִיז יָא גֶערֶעכְט אָדֶער נִישְׁט גֶערֶעכְט.

אַלְס מֵיידְל הָאבּ אִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן אַזוֹי גוּט, וַוייל וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַיין קֶערְפֶּער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט גֶעהֶערִיג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ בַּאלַאנְצִירְן. יֶעצְט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ מַאמֶע פוּן טֶעכְטֶער, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי מַתָּנָה פוּן זֵייעֶר קֶערְפֶּער, אָבֶּער זֵיי זָאלְן יָא זַיין בַּאלַאנְצִירְט, זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען הַאלְבּ אוּן וֶוערְן קְלֶעבֶּעדִיג צוּ סֵיי וָואס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר אַ מֵיידְל זִיךְ אוֹיךְ צוּ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין אִיר קֶערְפֶּער, אָדֶער קֶען מֶען דָאס טוּן נָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיר פַארְשְׁטֵייט יָא וָואס אִיר שְׁרַייבְּט.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ וֶועג וַוייזֶער - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ח, ל): "וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ אָמוֹן וָאֶהְיֶה שַׁעֲשֻׁעִים יוֹם יוֹם", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן גֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי אַן אַרְכִיטֶעקְט וָואס גֵייט בּוֹיעֶן אַ בִּנְיָן נֶעמְט עֶר אַפִּיר דֶעם בְּלוּ-פְּרִינְט אוּן קוּקְט דֶערִין וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן, "כַּךְ הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַבִּיט בַּתּוֹרָה וּבוֹרֵא אֶת הָעוֹלָם", אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה אוּן אַזוֹי בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

אַ אִיד פִירְט זִיךְ וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ פִירְן; דָאס אִיז אוּנְזֶער אוּרִים וְתוּמִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא דִי אוּרִים וְתוּמִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מַיין אוּרִים וְתוּמִים אִיז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וֶוען אִיךְ דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן קוּק אִיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

וָואס הָאבְּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? וָואס הָאבְּן דִי צַדִּיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַעַת', דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבְּסְט שֵׂכֶל פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן, 'וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה', דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, 'חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וְדַעַת', גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבַד", אִין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת, אָן קַיין קֶענִיג, אָן קַיין נָבִיא, אָן קַיין כֹּהֵן גָּדוֹל אוּן אָן קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְז, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

אַז אִיר ווִילְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע וֶועג פַאר אַייעֶרֶע טֶעכְטֶער וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן, לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז וֶוען זֵיי ווִילְן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זָאלְן זֵיי דָאס אִיבֶּער רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי זָאלְן זֵיי טוּן אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן, וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אָדֶער מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה.

אַז אִיר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע דְמִיוּנוֹת. *(עצתו אמונה בראשית תשפ"א)*

מיר ווילן ווינטשן א הערצליכן

ברכת מזל טוב

פאר אונזערע
געטרייע תומך

מו"ה אריה לייב ליבערמאן הי"ו

וואס שטייט אלץ צו די האנט
פון מוסדותינו בארה"ק

לרגל הולדת בתו למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זעהן פיל נחת ביי אלע דיינע
קינדער און דורות און אייביג קענען העלפן דעמן רבין ביד נדיבה

וואונטשט, אהרן וועבערמאן
גבאי מוסדות קרן הצלה - צדקת ר' מאיר בעל הנס

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

וזאת התורה לא תהא מוחלפת
קרן הצלה
למען מוסדותנו בארה"ק על טהרת הקודש

געדאנקען

געקנייטשטע קארן טשיפס

אינס פון די פילע שיינע ווערטפולע רייכע נוצבארע שמועסן מיטן ראש ישיבה שליט"א דעם חודש תשרי איז געווען וועגן די נאר מיט די נאר'טע.

דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז א נאר מיט א נאר'טע קענען האבן שלום בית.

א חכם מיט א חכם'טע איז נישט מעגליך זיך אויסצוקומען בשלום ובשלוה.

סיידן אז זיי האבן עפעס א געמיינזאמע ציל וואס שטייט העכער די חכם מיט די חכם'טעס אויבערשפיציגקייט.

אז קריסטאפער קאלאמבוס'עס דריי שיפן זאלן בשלום אדורך רייזן דעם אטלאנטיק האט מען געמוזט האבן, אויסער א פולע קענטעניס פון די שטערן'ס און די מאפעס און די קאמפאס'ן און די ווינט-ליילעכער און די מהלך הלבנה, א געמיינזאמע ציל וואס איז שטערקער פון אלע חכמים'ס אינדיווידועלע בליק אויף איטליכן'ס אייגענע קענטעניס.

אויב דער קאמפאס מומחה וואלט געהאקט אין טיש אז מען זאל ציען די ליילעכער צו רעכטס, און דער שטערן זעער וואלט געשריגן מיט א הייזעריגע שטומע אז מען מוז ציען די ליילעכער צו לינקס, וואלט קיינער נישט אנגעקומען צום ציל.

עס איז מוכרח אז אויף די קאלאמבוס עקספעדיציע אז געווען א דעה המכרחת וואס אלע זאך-קענער האבן זיך אונטערגעווארפן דערונטער און נאר אזוי האבן זיי אנטדעקט די נייע וועלט.

א נאר מיט א נאר'טע איז נישט קיין קונץ.

ער קען נישט קיין שטערן'ס, זי ווייסט נישט פון קיין לבנה, די לעבן גייט, און שוין, וואס שלום בית? ווען שלום בית? וואס איז די אינטערעסאנטע דרשות דארט אין ברסלב וועגן רעדן שיין צו די ווייב?......

אבער א חכם מיט א חכם'טע איז שוין אן אנדערע עסק.

ער האלט אז פאטעיטע טשיפס קויפט מען נאר די געבאקענע, וואס קומט אין א הויכע רינדעכיגע CANISTER, וואס אלע שטיקלעך ליגן איינס אויפ'ן צווייטן אין א גלייכע שורה. זי שרייט אז די אלטע "עכטע" פעטיגע שמאלציגע GOOEY פאטעיטע טשיפס איז גוט פאר די קינדערס אינטוויקלונג. נו, וואס טוט מען?

ער האלט אז קארן טשיפס קומט גלייך, זי שרייט אז קארן טשיפס קומט ZIG ZAG. נו, וואס טוט מען?

ער לאזט נישט אנצינדן די הייצונג ביז חמשה עשר בשבט, זי שרייט אז מען מוז האבן הייצונג פון ווען עס פאלט אראפ פון בוים די ערשטע צוויי

איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

משה אריה שניצלער

בלעטלער, נו, וואס טוט מען?

אויב דו מיט דיין ווייב זענען די חכם און די חכם'טע האב איך פאר ענק א עצה.

למשל אז עס שטייט ביי דיר אין דיינונג רום, נעבן די איטאליענישע טשיינע קלאזעט אן עי. טי. עם. מאשין. יעדע מאל דו דרוקסט דעם קנעפל פליט ארויס א הונדערטער.

יעדע מאל דו לאזט דיין ווייב צורו און מוטשעסט נישט וועגן די געבאקענע פאטעיטע טשיפס באקומסטו פון די עי. טי. עם. מאשין א הונדערטער.

ווען דו ווילסט זיך בייזערן אויף דיין ווייב פאר'ן קויפן די ZIG ZAG קארן טשיפס אנשטאט די גראדע, מאך זיך א חשבון, פאר הונדערט טויזנט דאלער וואלט איך עס פארשוויגן? אויב מיין קליענט אין ביזנעס וואס ברענגט מיר א הונדערט אלפים א יאר וואלט געוועזן דער וואס האט דא געברענגט די ZIG ZAG קארן טשיפס וואלט איך מעלים עין געווען?

דיין ווייב איז מער ווערד ווי דיין גאנצע ביזנעס. דיין גאנצע ביזנעס איז וועדליג ווי נארמאל און ציוויל דו רעדסט צו דיין ווייב.

די קינדער וואס וואקסן אויף זעענדיג ווי די טאטע קוקט אויף די מאמע מיט א אומצוקנייטשע שטערן, מיט א אומצוקוועטשטן געזיכט, באקומען דערפון עפעס א מין געזונטע וויטאמין אין די לופט וואס איז מער ווערד ווי אלעס אין די וועלט.

קינדער וואס זעען ווי די טאטע רעדט צו די מאמע ווי איינער וואס באפעלט און הייסט און פארלאנגט, קענען זיך נישט פארמעסטן מיט שווועריגקייטן אין לעבן, זייער מח אין קאפ איז ווי א פארברענטע נעכטיגע טשאלנט, ווי א רינעדיגע גאלע, ווי א פארהארטעוועטע קושקע. עס פונקציאנירט אויף צוויי פערצענט קאפאציטעט.

קינדער וואס זעען ווי די טאטע פארגינט פאר די מאמע א רואיגע פריינדליכע שמועס ביי די שבת'דיגע סעודה, וועלן וואקסן געזונט, און וועלן האבן כוחות צו ערציען נאך א דור פון געזונטע פרייליכע ערליכע קינדער, און זיי וועלן האבן כח אויף ווייטער, און אזוי נאך און נאך דורות פון ערליכע פרייליכע אידן, אלעס ווייל דו האסט מסכים געווען צו עסן געבויגענע געקנייטשטע קארן טשיפס אנשטאט די גלייכע.

דאס וואס חז"ל זאגן אז ווער עס האלט טייער זיין ווייב ווערט רייך, דאס איז נאר א משל, דאס איז נאר אויף אנצוהייבן, דאס איז נאר א דיפאזיט, באלד ווערסטו זען א דור פון קינדער און אייניקלעך וואס פירן א שיינע געזונטע אידישע ערליכע לעבן!

און דאס וואס מען זעט שפעטער אויף דער עלטער א דור פון קינדער און אייניקלעך וואס פירן א שיינע געזונטע אידישע ערליכע לעבן, דאס איז נאר א משל! דאס איז נאר אויף אנצוהייבן!

ווייל ביי א איד איז די עכטע לעבן אויף יענע וועלט, דא אויף די וועלט קומט מען נאר אויף TEMPORARY, איינצוקויפן סחורה, דערנאך ווען מען גייט אויף יענע וועלט האט מען די ריכטיגע לעבן.

ווען א איד איז אויף יענע וועלט און זיינע אייניקלעך גייען אין שול און פירן זיך אידיש באקומט ער פון דעם א שטיק גן עדן, נאך א אייניקל גייט אין שול, איז נאך א שטיק גן עדן.

פאר דעם אליין איז שוין כדאי צו האלטן די שטוב פרייליך אז די דורות זאלן בלייבן אידיש און נישט זוכן צו אנטלויפן חלילה.

און אודאי נישט פארגעסן די ערשטע פשט אז פון רעדן שיין מיט דרך ארץ צו די ווייב באקומט מען עשירות.

ווער עס וויל זיין א מלך אין שטוב דארף רעדן צו די ווייב ווי מען רעדט צו א מלכה. ווער עס וויל זיין רעספעקטעד ביי מענטשן, דארף רעדן צו זיין ווייב מיט רעספעקט. DON'T RAISE YOUR VOICE. הייב נישט אויף דיין קול. אויב דו פילסט אז דו גייסט פלאצן, זאג פאר'ן אייבערשטן שטילערהייט, באשעפער איך גיי פלאצן, מיט רעדן צום אייבערשטן וועט זיך אלעס טוישן.

> ווען א איד איז אויף יענע וועלט און זיינע אייניקלעך גייען אין שול און פירן זיך אידיש באקומט ער פון דעם א שטיק גן עדן, נאך א אייניקל גייט אין שול, איז נאך א שטיק גן עדן.

א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

כִּיבּוּד אָב וָאֵם

בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאט דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם גֶענוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסְן אָרְט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב רֶבִּי יְחֶזְקֵאל שְׁרַגָא הַאלְבֶּערְשְׁטַאם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער בַּעַל דִּבְרֵי יְחֶזְקֵאל, אַ זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב רַבֵּינוּ חַיִּים הַאלְבֶּערְשְׁטַאם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער בַּעַל דִּבְרֵי חַיִּים, פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פַאר עֶר אִיז אַרַיין צוּ זַיין טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע, הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט גַאנְץ הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם. אוּן זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה פוּן שִׁינָאוָוא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אַז וֶוען זַיין טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוָוא רָב דֶער בַּעַל דִּבְרֵי יְחֶזְקֵאל זי"ע פְלֶעגְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטוּבּ פוּן זַיין הֵיילִיגֶער טַאטֶע דֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע אִיז זַיין פָּנִים גֶעוָוארְן וַוייס וִוי קַאלֶעךְ פוּן פַּחַד אוּן פוּן גְרוֹיס פַּחַד הָאט זִיךְ זַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרֵייסְלֶען, אַז עֶר גֵייט זִיךְ יֶעצְט טְרֶעפְן מִיט זַיין טַאטֶע וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אַז מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין, אַזְשׁ אֲפִילוּ דִי טִיר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען אַלֵיין וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט מוֹרָא אוּן הִתְרַגְשׁוּת, נָאר דֶער זוּן רֶבִּי מֹשֶׁה הָאט עֶס גֶעדַארְפְט עֶפֶענֶען פַאר אִים

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ צוּגֶעלֵייגְט צוּ דֶעם אַז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי צְדָקָה חוּצִין זי"ע, אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר הָאט דָארְט מְיַסֵּד גֶעוֶוען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר הָאט דָארְט גֶענוּמֶען אַ בָּחוּר פַאר זַיין חַבְרוּתָא וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט צוּזַאמֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֲלָכָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִין יוֹרֶה דֵעָה סִימָן ר"מ הָאט הָרַב צְדָקָה גֶעפְרֶעגְט זַיין חַבְרוּתָא: "וֶוען דַיין מַאמֶע קוּמְט אַרַיין אִין דַיין צִימֶער שְׁטֶעלְסְטוּ זִיךְ אוֹיף אִינְגַאנְצְן מְלֹא קוֹמָתְךָ פַאר אִיר"? הָאט דֶער חַבְרוּתָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אַזוֹי אַבִּיסְל אַזַא רִיר פוּן בֶּענְקְל". וֶוען רֶבִּי צְדָקָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר פַארְמַאכְט דִי שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט דִיר, מִיר לֶערְנֶען הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים וָואס מֶען לֶערְנְט"? דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג אִיז דֶער חַבְרוּתָא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ הָרַב צְדָקָה אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין שׁוֹין מְקַיֵּים וָואס מֶען לֶערְנְט, אִיךְ שְׁטֵיי שׁוֹין אוֹיף אִינְגַאנְצְן מְלֹא קוֹמָתִי פַאר מַיין מַאמֶע", נָאכְן הֶערְן דָאס הָאט הָרַב צְדָקָה מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים.

(שיחות מוהרא"ש חלק טו' ערך כיבוד אב ואם)

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע וָואס פַאר זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אָדֶער בַּאדִינֶען זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן כְּדֵי זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען דִי חֲשִׁיבוּת אוּן וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם מִצְוָה פְלֶעגְן זֵיי זָאגְן "לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן לְקַיֵּים מִצְוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם" אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ חָשׁוּבְע מִצְוָה.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי וִויכְטִיגְקֵייט אוּן שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגֶע מִצְוָה אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי דָאס צוּ מְקַיֵּים זַיין בִּשְׁלֵמוּת.

דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קל"ד

פאָרזעצונג פון פריער:

זונטאָג, ערב ראש חודש אָב, פאַרנאַכטס, ווען מען הערט אויף צו עסן פלייש, איז דער רבי דעמאָלט געווען זייער ערנסט, ער איז געליגן אין בעט און געשוויגן, ער איז געווען פאַרזינקען אין זיינע מחשבות פאַר גאָר אַ לאַנגע צייט.

רבי נתן איז געשטאַנען בײַם רבי'ן, דערשראָקן און פאַרוואונדערט פאַר אַסאַך שעות. דער רבי האָט אים דערציילט אַסאַך זאַכן, און אינמיטן די שמועס האָט דער הייליגער רבי זיך אָנגערופן, "דעם שבת האָב איך זייער געוויינט צום אייבערשטן, פאַרוואָס יעדע זאַך וואָס איך וויל טון, מוז איך עס טון מיט מסירות נפש?",

אינצווישן איז דער משרת אַרײַנגעקומען און זיך אָנגערופן, "רבי, געט געלט אויף ליכט!", האָט דער רבי געזאָגט פאַר רבי נתן, "האָסט געהערט וואָס ער זאָגט? דאָס זאָלסטו אויך געדענקען, דאָס איז אויך אַ תירוץ אויף די אויבנדערמאַנטע קשיא (אין סימן תק"ה) וועגן די מקיפין, וואָס מען האָט געפרעגט אויבן אין הימל", און דער רבי האָט צוגעלייגט, "אויב וועסטו זיין אַן ערליכער איד, וועסטו זוכה זיין עס צו פאַרשטיין!"

נאָך ראש חודש אָב איז דער רבי אַוועקגעפאָרן פון שטוב, אויפ'ן וועג צום שטאָט טשעהרין, צו ווײַלן דאָרט אויף שבת נחמו. אין יענע צייט איז נפטר געוואָרן דעם רבינ'ס טאָכטער פיגא, און מען האָט דאָס נישט דערציילט פאַר'ן רבי'ן.

דער רבי איז אָנגעקומען קיין טשעהרין, ער איז געווען דאָרט אום שבת נחמו און געזאָגט דאָרט אַ וואונדערליכע תורה, געדרוקט אין ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כ"א, און נאָך שבת איז ער צוריק געפאָרן קיין ברסלב.

אויפ'ן וועג, איידער ער איז אַרײַנגעפאָרן אין שטאָט, האָט מען פאַרשטאַנען פון רבינ'ס ווערטער אַז ער ווייסט מיט רוח הקודש אַז זיין טאָכטער איז נסתלק געוואָרן.

ווען ער איז אָנגעקומען אהיים, ער איז אַראָפּ פון וואָגן און איז אַרײַן אין הויז, האָט ער דאָרט געטראָפן מענטשן פון אַנשי שלומינו וואָס זענען געקומען צו אים פון נעמירוב, ער האָט גלײַך אָנגעהויבן רעדן צו זיי פון די תורה וואָס ער האָט געזאָגט שבת אין טשעהרין, און אין די דברי תורה האָט ער גערעדט אויך פונעם ענין וואָס מ'זיצט זיבן טעג אבלות, וואָס מ'זיצט שבעה, וואו מען קען זען אינעווייניג אין די תורה.

דערנאָך האָט ער אויסגעפרעגט די משפחה, זיי האָבן אים אָבער גאָרנישט אויסגעזאָגט, דעריבער האָט ער נישט געהאַלטן קיין אבלות בכלל.

אין איינע פון די טעג אין אלול, איז רבי נתן אַרײַנגעגאַנגען צום רבי'ן, און אים געטראָפן זיצן זייער ערנסט און מיט גרויס צער. ער האָט גלײַך אָנגעהויבן רעדן פון לעבן און שטאַרבן, דער רבי האָט געזאָגט, "עס איז דאָך באמת נישטאָ קיין חילוק צווישן לעבן און שטאַרבן, נאָר מיט איין אַמה, יעצט איז דער מענטש דאָ, און דערנאָך ליגט ער דאָרט", ווײַזנדיג מיט זיין הייליג האַנט צום ריכטונג פונעם בית החיים, ווי צו זאָגן אַז אַ צדיק בלייבט לעבן אפילו נאָכ'ן שטאַרבן, נאָר וואָס איז די חילוק בײַ אים צווישן לעבן און טויט? נאָר אַז קודם וואוינט ער דאָ, און יעצט האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין קבר און ער לעבט ווײַטער דאָרט.

דאַן האָט ער אָנגעהויבן זאָגן דער גאַנצער טיפער ענין וואָס איז געדרוקט בײַם סוף פון די אויבנדערמאַנטע תורה כ"א, אַז נאָר דער אייבערשטער לעבט אויף אייביג, און ווער עס נכלל אינעם אייבערשטן לעבט אויך אויף אייביג, זע אינעווייניג דער גאַנצער ענין.

שנת תקס"ה

ראש השנה תקס"ה, אַ גרויסער קיבוץ פון אַנשי שלומינו זענען זיך צוזאַמגעקומען פון אַלע שטעט צו דאַווענען אינאיינעם מיט'ן הייליגן רבי'ן.

מיטל נאַכט ראש השנה, האָט דער רבי געזאָגט תורה אויפ'ן דריטן פרק פון ספרא דצניעותא (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כ'). ער האָט געזאָגט די תורה מיט מסירות נפש, מיט אַ געוואַלדיגע התלהבות און גרויסע כוחות.

וואָס האָט ווײַטער פּאַסירט?
לייענט קומענדיגע וואָך אי"ה

קוק אהער

מאנטאג ווירא

מען גייט נישט אוועק פונעם יו"ט, מ'נעמט מיט דעם יו"ט מיט זיך!

די שמחה, די השפעות, די עונג רוחני, די גוטע צייטן, די געשמאקע טעג, מ'גייט נישט אוועק פון דעם, דאס אלעס נעמט מען מיט.

מ'געזעגנט זיך פון די סוכה, אבער מ'ווייסט אז די סוכה גייט אונז באגלייטן ווייטער אינעם ווינטער. ס'איז נישט אוועק, ס'גייט מיטקומען מיט אונז.

נעילת החג שטעלט זיך אויף יעדער מגיד, יעדער רב און זאגט בערך די ווערטער מחזק צו זיין כלל ישראל נאכן זיין א חודש צייט ארומגענומען מיטן אייבערשטן, און דא האלט מען שוין מ'ווערט שוין צוריק אריינגעווארפן אינעם רוטין אינעם טאג טעגליכן הו הא...

דער איד פארנעמט עס נישט! צוריק צו די ארבעט, אוועק פון די הייליגע טעג, געענדיגט מיטן פארברענגען דעם טאג אין שול, און נאכדעם סעודה, און צוריק אין שול, און ווידער סעודה, ממש א גן עדן חודש, מ'לעבט מיטן אייבערשטן די ווייטסטע איד שפירט אייבערשטער.

טרעפט מען זיך ביי נעילת החג, די ציבור איז צובראכן, אין קום עטליכע מינוט מאכט מען הבדלה, מ'פארפאקט די סוכה, און שוין דאס איז עס?? צוריק צום אנלויף פונעם לעבן?

נישט דא מער קיין סעודות, קיין נענועים, קיין זיצן אין די סוכה, קיין פארברענגען מיט די ווייב און קינדער, צוריק צום אלטן!

ס'רייסט שטיקער ביים מענטש אין מוח, ווי איז יושר? ווי איז די גערעכטיגקייט? א חודש צייט פארברענגט אזוי געשמאק און אזוי פלוצלינג ווערט אלעס אוועקגעריסן? היתכן?

שטעלט זיך אויף דער מגיד, דער משפיע, דער רב, דער רבי, און טרייסט דעם המון עם "ברידער זייט נישט צוקלאפט ביי זיך, די גוטע טעג זענען טאקע אדורך, אבער נישט אוועק פון אונז, מיר גייען עס מיטנעמען מיט זיך".

"די קלאפן הושענות, די שלאגן כפרות, די טינקען אין האניג, די שלעפן די סכך, די באקוקן דעם אתרוג, די הענגען די נוי סוכה, די שיינע געזאנגען, אלעס אלעס גייט מען מיטנעמען מיט זיך, מ'לאזט גארנישט איבער!"

"האסט געברענט ביי די נענועים? ס'נישט פארלוירן, ס'איז דא, ס'גייט דיר באגלייטן אויף א גאנצע ווינטער, די גייסט עס מיטנעמען מיט דיר!"

יעדער נעמט חיזוק פון אזעלכע ווערטער, יעדער איז מחיה מיט דעם, יעדער איד טרייסט זיך 'אה מיין שיינע הלל גייט מיטקומען מיט מיר, מיינע סוכה ברעטער גייען מיר באגלייטן, ס'איז בכלל נישט אריבער, אלעס קומט מיט'!

א מחיה!

אבער וואס איז נאך די דרשה? וואס טוט מען מאנטאג ווירא ווען די ווייב שרייט? וואס טוט מען דינסטאג ווירא ווען מ'ווערט פארשווארצט ביי די ארבעט אזש קום קום כאפט מען ארויס א מנחה...

ווי זענען די שיינע באגלייטער? וואו זענען מיינע סוכה ברעטער וואס האבן מיר צוגעזאגט מיר צו באגלייטן דורך דעם ווינטער?

קום קום זיך ארויסגעכאפט א פרק משניות און א פסוק חומש צווישן ערלעדיגן א מיליאן און א האלב זאכן... תשרי תשרי אוואו זענט איר? איך האב געמיינט דו גייסט זיין ביי מיין זייט, איך בין געווען זיכער אז דו קומסט מיט מיר דעם גאנצן ווינטער און דו גייסט מיר שיינען דעם וועג, וואו האסטו זיך אזוי שנעל באהאלטן?

דעם ערשטן טאג יו"ט פארן דאווענען האט אונז שוין דער ראש ישיבה אנגעגרייט אויף דעם ברענעדיגן קשיא אויף דעם קאלטן שטילן מאנטאג ווירא...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז דא אן אינטערעסאנטע מדרש וואס אלע וואונדערן זיך אויף דעם, דער מדרש זאגט אז איוב איז געווען צובראכן

דאס און יענץ
מיט א טיפערע
אריינבליק

ישראל דוד העסקעל

האט אים דער אייבערשטער געוויזן די ווענט פון די סוכה אים צו מאכן פריילין.

זייער אסאך ספרים הקדושים ענטפערן טאקע מיט שיינע טעמים פארוואס ס'קומט אזוי אז ס'שטימט טאקע, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מיט די וועג פון מוהרא"ש איז דאך עס אזוי פשוט!

וואס איז די סוכה? די סוכה איז אייבערשטער, די סוכה איז אמונה!

האט דער אייבערשטער אים געוויזן די ווענט פון די סוכה, נעם אריין אין זיך אמונה וועט דיר שוין גארנישט ווי טון, דו וועסט שוין נישט אזוי פיל קשיות, געדענקן אז אלעס איז פונעם אייבערשטן וועט דיר גוט ווערן פשוט כפשוטו!

אזא גילוי! יעצט אין די קאלטע פינסטערע ווינטער טעג ווען דו ווערסט פארשווארצט ביי די ארבעט און דו שפירסט אז דו קענסט שוין נישט, נעם מיט די סוכה מיט דיר, נעם אריין אין דיר די אמונה, לעב ווייטער די תשרי טעג, טיף טיף אין טבת ווען זאכן גייען דיר שווער, געדענק דו האסט די סוכה מיט דיר, די אמונה איז דא, דער אייבערשטער איז דא ביסט נישט אליין. כאפ ארויס אפאר ווערטער צום אייבערשטן "באשעפער העלף מיר, זיי מיט מיר, געב מיר צו שפירן ווייטער אז איך בין אין צל סוכה אין צל אמונה, דער אייבערשטער איז יעצט אויך דא מיט מיר".

יא אויב וועסטו לעבן מיט די עצות פון צדיקים און נאכגיין די צדיקים, וועסטו קענען באווייזן טיף אין די קאלטע ווינטער זיך צו קענען ווארימען אין די סוכה.

א מפיץ האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אז ער איז געגאנגען הפצה אין די קאנטריס ערב סוכות און געזען ווי ס'איז פיל מיט אסאך היימישע און פרומע מענטשן. ווען ער האט געשמועסט מיט זיי האט ער געזען אז אפילו זיי זענען זייער פרום האבן זיי א ביטול צו ערליכע אידן רבנים, זיי מאכן שבת פאר זיך, און טשעקן ארויס. זייערע קינדער באקומען דעם מעסעדזש אז ס'איז גארנישט דא... היינט איז שוין נישט דא קיין צדיקים... וכו'

טראכט ער אז דער וואס דרייט זיך ביי א רבי וואס יענע רבי זאל אים נישט געבן גארנישט מער און ווי אן עפל, איז דא גרעסערע טשאנסן אז ער זאל איבערלאזן ערליכע דורות וואס גייען נאך צדיקים ווי דער פרומער איד וואס זאגט פאר זיינע קינדער אז היינט איז שוין גארנישט דא...

דער ראש ישיבה האט געענטפערט "אוודאי, דער רבי זאגט דאך דאס אז מ'דארף דאנקען די אלע רבי'ס פארן האלטן אידישקייט"!

די לימוד פון נאכגיין א צדיק, פון איבערגעבן פאר מיינע קינדער, איך גיי נאך א צדיק, אין יעדער מצב אין לעבן ריר איך זיך נישט אן א ערליכע איד, און דאס לייג איך אריין אין מיינע קינדער!

דער ראש ישיבה האט געזאגט הושענא רבא צווישן די הושענות גאר א שטארקע אויסדרוק: "איך בין נישט ברוגז אויף דער וואס גייט אוועק פון היכל הקודש און גייט צו א צווייטע מנהיג, טרעפט זיך אן ערליכער איד, איך בין ברוגז אויף דער וואס בלייבט דא און קומט גארנישט פרעגן..."

לאמיר טאקע מיט נעמען דעם יו"ט מיט זיך, לאמיר נישט פארגעסן פון דעם וואס דער רבי לערנט אונז אז ווי איך בין נאר נישט אראפגעפאלן איז דער אייבערשטער אויך דארט ביי מיר, מיט מיר, און נעבן מיר, מיטנעמען מיט זיך די אמונה ס'איז נישט דעם און יענעם אלעס איז דער אייבערשטער!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

פרנס השנה

מו"ה
יצחק איידק ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן גלאנשטיין
הי"ו

מו"ה
הרוצה בעילום שמו
הי"ו

מו"ה
זלמן לייב מייזעלס
הי"ו

מו"ה
אברהם שבתי מזרחי
הי"ו

פרנס החודש

ניסן
מו"ה יחזקאל זיגלער הי"ו
לע"נ ר' יצחק בן ר' אברהם

תמוז
מו"ה יהודה אריה ראטה הי"ו
הרוצה בעילום שמו

אייר
מו"ה משה האמער הי"ו
מו"ה אשר לעווי הי"ו

אב
מו"ה אלי קנאלל הי"ו
מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו

סיון
מו"ה בניהו אונגאר הי"ו
מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו

אלול
מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו
מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו

*sruliHeskel

דפסה

ל הקודש ברסלב

ל ותל'מידיו הקדושים בעולם

ינו נביא משיח צדקינו

הדריקן אונזער
פאר ידידינו
ן מנדב זיין

דש תשרי

י' דעפריס הי"ו
עבערמאן הי"ו

רשטער זאל
זכות פון דרוקן
פרייטן דעם
ם ספרים זאל
יבערשטער
שאלות לבך.

פרנס השנה

מו"ה
הרוצה בעילום שמו
הי"ו

מו"ה
יקותיאל פעלדמאן
הי"ו

מו"ה
מאיר וויזעל
הי"ו

מו"ה
דוד טשינגל
הי"ו

מו"ה
יואל מארקאוויטש
הי"ו

פרנס החודש

תשרי
מו"ה חיים ישעי' דעפריס הי"ו
מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

טבת
מו"ה שלמה לאנדא הי"ו
מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו

חשון
מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו
מו"ה דוד מין הי"ו

שבט
מו"ה מרדכי היימליך הי"ו
מו"ה שלום יצחק מאסרי הי"ו

כסלו
מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו
מו"ה משה עקשטיין הי"ו

אדר
מו"ה יואל אפפענהיים הי"ו
מו"ה יוסף הכהן פרידמאן הי"ו

קלאסיפיידס

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה ליפא שווארץ הי"ו
וזוגתו חי' ריזל תחי'

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו
וזוגתו פערל תחי'

צו די חתונה פון בנימין זאב נ"י למזל טוב

עב"ג מו"ה שמחה סאלז הי"ו
וזוגתו שרה חוה תחי'

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו
וזוגתו אסתר תחי'

צו די בר מצוה פון נחמן נתן נ"י למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו
וזוגתו חי' שרה תחי'

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה משה יודא עקשטיין הי"ו
וזוגתו רחל תחי'

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה מרדכי היימליך הי"ו
וזוגתו מרים תחי'

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה בערל לעווי הי"ו
וזוגתו הינדא תחי'

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

פאר די ברסלב'ע שטוב

מיין סוכות
אין ירושלים
מ. פאפנהיים

הער א מעשה
פערזענליכע
מעשיות פון תפילה

אונזער אלטער זיידע נח

ש. טראכטער

ווארעמע
ברעסטן

אין קורצן פון פריער: בתי׳ - קינד פון ר׳ יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז״ל, איז געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג, מיט מסירות נפש היטן זיי אידישקייט אין רוסלאנד. ר׳ יודא לייב לאזט צוואה פאר זיין טאכטערל. כ׳ סין תש״כ איז ר׳ יודא לייב אוועק. אידן זענען געקומען מנחם אבל זיין מיט מסירת נפש אינטער די נאז פון די קעי. זשי. בי.

און יעצט ליינט ווייטער: אצינד איז געקומען די צייט זיך ארויסצוזען פון די בלוטיגע ערד. בתי׳ מיט איר מאמע האבן זייער געגליסט זיך צו באזעצן אין ארץ הקודש ווי בתי׳ האט געוואלט זוכה זיין צו טרעפן א שידוך און אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל. אבער דאס איז צוגעגאנגען מיט אסאך שוועריגקייטן.

רוסלאנד האט זייער שווער ערלויבט פאר אירע בירגער ארויסצוגיין פון לאנד. זיי האבן אריינגעגעבן א בקשה פאר ערלויבעניש ארויסצופארן און געווארט אויף אן אנטווארט.

ווי נאר די בקשה איז אריין האט מען שוין געסטעמפלט אויף זיי אז זיי זענען נישט קיין געטרייע בירגער און בתי׳ האט דאן פארלוירן איר פרנסה ווייל אויב זי האט חלומות פון פארלאזן די גן עדן, מוז דאך זיין אז זי איז נישט געטריי צו פאטערלאנד.

ניין יאר האבן זיי געווארט אויף אן אנטווארט און עס איז כסדר צוריקגעוויזן געווארן. ניין, זיי האבן נישט באקומען ערלויבעניש ארויסצופארן פון לאנד. אבער זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן קענען זיך ארויסזען.

איין טאג, זומער תשכ״ט איז בתי׳ געגאנגען מיט די מאמע אין גאס און זיי זענען געפאלן. די מאמע האט זיך מיאוס צוקלאפט די פיס און די ביינער האבן זיך צובראכן. די מאמע איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל בשעת בתי׳ איז געזעצן מיט איר בייטאג און ביינאכט.

28

ש. טראכטער

אין די צייט וואס די מאמע איז געווען צוגעשמידט צום בעט איז אנגעקומען א בריוו פון רעגירונגס אפיס. דארט איז געשטאנען אז די מייזליקס זענען ערלויבט צו פארלאזן דעם לאנד אבער נאר ביז דרייסיג טעג, קיין טאג מער.

בתי' איז געווען זייער פרייליך אבער פון די צווייטע זייט איז זי געווען אנטוישט אז די בריוו איז פונקט אנגעקומען יעצט ווען די מאמע איז געליגן אין שפיטאל און ווארט נאך אויף א רפואה. אין אזא מצב איז נישט מעגליך צו פארן. בתי' איז אראפגעפארן צום רעגירונגס אפיס און זיך איינגעבעטן צו פארלענגערן דעם דאטום צוליב די מאמע'ס צושטאנד. דער אגענט האט זיך צעשמייכלט און דאן האט בתי' פארשטאנען אז דאס אלעס איז אן אונטערגעשטעלטע שפיל פון די רוסן. זיי האבן דוקא געגעבן די ערלויבעניש יעצט ווען עס איז זיי נישט מעגליך כמעט ארויסצופארן.

בתי' איז געווען דערשראקן און צעמישט. וואס טוט מען דא? זי איז אריבער צו די מאמע אין שפיטאל. די מאמע האט גלייך געזען אויף איר אז עפעס גייט פאר. "פארצייל בתי'לע." האט זי איר געמוטיגט.

בתי' האט דערציילט איר פארלעגנהייט. זי האט דערציילט די מאמע אז אין רעגירונגס אפיס האבן זיי געזאגט אז די מאמע וועט בשום אופן נישט קענען פארלאזן די אפיס מיט א גיפס (קעסט) ווייל מען קען דאך נישט וויסן אויב זי וועט שמוגלען זאכן דארט. דאס מיינט אז זי וועט מוזן אדורכגיין אן אפעראציע שוין יעצט און אויפשטייגן אויף דעם ערעפלאן אויף א ליג- בעטל.

די מאמע האט זיך פארטראכט און דאן געזאגט, "גיי שוין באשטעל אן אפוינטמענט ביים ספעציעליסט פאר די אפעראציע."

דער דאקטער איז נישט געווען אזוי איבערגענומען פונעם געדאנק. ער האט מסביר געווען אז די מאמע איז נישט יונג און מען וועט איר דארפן איינשלעפן בשעת'ן מאכן די אפעראציע, און דאס קען זיין א סכנה פאר איר הארץ. ער האט דאן צוגעלייגט אז מען קען געבן א לאקאל איינשלעפונג, אבער דאס איז א נייע זאך און זיי פראבירן עס נאך אויס און וויסן נישט די רעזאלטאטן דערפון. אויב זיי באשליסן עס צו פראבירן מוזן זיי עס נעמען אויף די אייגענע אחריות.

ווידער האט בתי' נישט געוואוסט וואס צו טון, איז זי ווידער אריבער צו די מאמע און פארגעלייגט די פארלעגנהייט.

די מאמע האט גלייך געגעבן שטארקקייט און געזאגט, "גיי בתי'לע. שרייב אונטער. דער אייבערשטער וועט אונז נישט פארלאזן. גיי בתי' און פרעג נישט קיין קשיות.

איך האב קיינמאל נישט געפרעגט קיין קשיות פון דעם אייבערשטן. נישט ווען מיינע קינדער זענען פון מיר צוגענומען געווארן. נישט ווען איך האב זיך געראנגלט צווישן לעבן און טויט און נישט אין יענע ביטערע צייט ווען דו ביסט געווען אזוי קריטיש קראנק און דער דאקטער האט שוין אויפגעגעבן אויף דיר. אין יענע טעג האב איך זייער מתפלל געווען צום אייבערשטן אז ער זאל מיר איבערלאזן די איינע מיידעלע צום לעבן. אבער אויך דאן האב איך נישט מהרהר געווען.

"וויאזוי קענען מיר בכלל טראכטן פון אויפגעבן יעצט? די ישועה איז אזוי נאנט. דער אייבערשטער האט אונז נישט פארלאזט און וועט אונז ווייטער נישט פארלאזן. גיי בתי' שרייב אונטער און זאל דער מלאך רפאל דיר באגלייטן.

עס איז געקומען א נאכט פאר די אפאראציע און בתי' איז אהיים פון שפיטאל. זי איז אבער נישט אהיים צו גיין שלאפן. זי איז אהיים צו גיין מעורר רחמים זיין זכותים אויף איר מאמע. א גאנצע נאכט האט זיך בתי' אויסגעבעטן א רפואה פאר איר טייערע און פרומע מאמע. זי האט גע'טענה'ט מיט'ן אייבערשטן און געברענגט יעדע חפץ פון הויז זאל עדות זאגן אויף איר מאמע'ס גוטסקייט און ערליכקייט און פועל'ן א ישועה פאר איר.

אינדערפרי איז בתי' אנגעקומען צו די מאמע. בתי'ס פנים איז געווען מיד, אויסגעשעפט און בלאס. די מאמע האט איר דערזען און זיך אנגערופן צו איר, "בתי'לע די שווערסטע נסיון פאר מיר איז אז איך וועל גיין פון די וועלט אן איבערלאזן א טאכטער וואס האט נישט אמונה." בתי' האט זיך זייער דערשראקן.

"מאמע, פארוואס זאגסטו אזוי?"

די מאמע האט זיך צעשמייכלט, "ווייל דו זעסט נישט דיין פנים. קוק זיך אין שפיגל. וואלסטו ווען געהאט אמונה אין בורא, וואלסטו געדאווענט, ריכטיג, אבער דו וואלסט אויך געשלאפן און זיך אנגעגרייט א פיינע פרישטאג און אויך געברענגט פרישטאג פאר מיר פאר ווען איך שטיי אויף פון די אפאראציע. דיין הארץ וואלט געווען פרייליך. דו וואלסט געגלייבט אז דער טאטע וועט אונז נישט פארלאזן.

ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה

הער א מעשה

ג. פעקעטע
מאנסי

א פעני אין פושקע האנט ביי האנט מיט א תפילה אז די חול המועד האלטן זאל זיין א היט! און אויך א קידוש השם.

נאכן לאנדן צוריק אינדערהיים מיט אלע פרייליכע קינדער כאפ איך זיך ווי שיין מיין תפילה איז ערפילט געווארן.

קודם האבן מיר געטראפן א נאנטע ביליגע פלאץ וואס איז געווען ספעציעל גוט פאר די קינדער, ווען ס'איז געקומען צו באצאלן בין איך געקומען מיט א קרעדיט קארד אבער זיי האבן געוואלט נאר קעש, ס'שטימט נישט. איך גיי צוריק צו די קאר וואו מיין מאן האט געווארט מיט די קינדער. ב"ה מיט יעדעמ'ס תפילה צוזאמען האט מיין מאן געטראפן א יונגערמאן וואס האט אים געקענט געבן קעש און ער האט אים אריינגעקעשט די געלט צו זיין אקאונט.

ווען מיין מאן איז צוריקגעגאנגען צו די גוי ביים טישל צו באצאלן די קעש האט דער גוי זיך שטארק פארוואונדערט, ער איז געווען זיכער אז איך האב זיך געטראפן א גוטע וועג זיך ארויסצודרייען פון באצאלן און ער האט זיך שוין מייאש געווען פון די געלט. ס'איז געווען א אמת'ע קידוש השם.

איך האב נאך אריינגעכאפט צו מפיץ זיין א קארטל אין פארק, שכח אייבערשטער פאר אזא הערליכע יום טוב.

פ. ב.
קרית יואל

ס'איז חול המועד ביינאכט, מיין טאכטער וויל מיטהאלטן א שפיל אין קרית יואל. אזוי ווי איך וואוין אין בלומינגראוו, אינדרויסן פון קרית יואל איז מיר אביסל שווער די וועג אהיים אזוי שפעט ביינאכט. איך האב זיך

דערמאנט אז לעצטע יאר האב איך געהאט די זעלבע פראבלעם, ווייל מיין מאן האט א ארבעט וואס ער דארף ארבעטן אסאך מאל חול המועד ביינאכט און דעי יאר איז עס נאכאמאל די זעלבע מצב.

האב איך געזאגט פאר מיין טאכטער "ווייסט וואס, קענסט גיין און איך וועל מאכן תפילה". אזוי ווי זי איז ארויס האב איך געכאפט א שמועס מיטן אייבערשטן "באשעפער איך שיק איר ווייל איך וויל זי זאל האבן א שמחת יום טוב, העלף זי זאל גרינג טרעפן א וועג אהיים".

ווען די הערליכע שפיל האט זיך געענדיגט האט זי נישט געטראפן קיינעם פון מיין געגנט וואס קען איר אהיימנעמען. איך האב נישט אויפגעגעבן נאר זיך פארלאזט אז דער אייבערשטער וועט העלפן. דערווייל האט זי אנגעהויבן גיין צו מיין חתונה געהאטע טאכטער וואס וואוינט אין די געגנט ווי די שפיל איז געווען, כאטש ס'איז נישט אזוי נאנט און ס'איז טונקל און קאלט, אויפן וועג ארויס טרעפט זי מיין שנור וואס רופט זיך אן צו איר "קום צו מיר, איך גיי יעצט מיט די באס וואס לייגט מיר אראפ ביי מיין טיר", אזוי האט זי געטון און ווען זי איז אנגעקומען צו די דירה מיט מיין שנור, האט מיין זון זיך אנגערופן אז פונקט יעצט גייט ער צו בלומינגראוו צו א שמחת בית השואבה און ער קען געבן א היטש ביז צו די טיר אהיים.

שכח אייבערשטער אז דו האסט יעדעם איינעם אינזין מיט וואס ער דארף.

א. צ.
קרית יואל

איך האב פרובירט א נייע רעסעפי פאר בהמה פלייש לכבוד יום טוב. איך האב געוואוסט אז די עיקר ווייכקייט אין די פלייש ווענדט זיך אין די רעסעפי ווייל ס'מוז האבן געגנוג פון די באשטאנדטייל וואס הייסט תפילה. יעדע מאל איך האב עס געקוקט אינמיטן קאכן האב איך אריינגעשטעקט די גאפל און געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אויסקומען גוט און ווייך צו מאכן א שמחת יום טוב,

ב"ה נאך א גוטע פאר שעה קאכן האט עס געהאט גאר א געשמאקע טעם און איז געווען גאר ווייך, ס'האט געהאט א טעם פון תפילה.

האנט, מ'האט געדארפט אריין גיין אין שפיטאל.

איך האב גאר שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט זיין א ערנסטע זאך, מ'זאל אונז שנעל באהאנדלען און שנעל אהיים שיקן.

שכח אייבערשטער אז זייער שנעל האב איך מיך געטראפן אינדרויסן מיט א קליינע ווייסע באנדאזש אויפן האנט.

פ. ניישטיין
קרית ברסלב

ב"ה איך בין אריינגעפארן צו מיינע שוויגער עלטערן אויף שבת. אינמיטן פארן טרעפן מיר זיך אויף א ראוד אנגעשטויסן פול מיט קארס אזש ס'רירט זיך קוים, די זייגער פארט ווייטער, נענטער צום זמן אבער די טרעפיק ווערט נאר מער אנגעלייגט.

מיר האבן זיך גענומען צו די מיטל פון תפילה, און תפילה העלפט, מיר זען ווי אונזערע ווערטער גייען נישט לאיבוד, צוביסלעך ווערט די טרעפיק שיטערער און ס'הייבט זיך אן רוקן. ב"ה מיר זענען געפארן און אנגעקומען באצייטנס זיך צו קענען מסדר זיין פאר די שבת איז אנגעקומען.

ל. ש.
קרית ברסלב

דורכאויס די זומער וואכן האט זיך אנגעזאמלט גאנץ א לאנגע תפילה צעטל פון זאכן וואס איך דארף אדער וויל קויפן. אזוי ווי עס איז געווארן סוף זומער, אביסל נענטער צו די יום טוב טעג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען טאקע איינקויפן די אלע זאכן פון מיין ליסטע. די ליסטע איז באשטאנען פון אלע סארט: הויז זאכן, וועש פאר די משפחה, קליידער, שיך פאר יעדעם, און נאך קליינינגקייטן וואס איך בין סתם נישט אנגעקומען צו קויפן, נאכן זיך צאמנעמען געהעריג צו מאכן תפילות אויף דעם האב איך ב"ה אנגעהויבן זען רעזולטאטן,

איין טאג האט דער אייבערשטער געהאלפן איך האב געהאט קארטלעך פון אינשורענס און געקענט אריבערגיין צו די שיך סטאר אין שטעטל קויפן שיך פאר מיין מאן און אינגלעך פאר אומזיסט. אן אנדערע טאג האב איך געהאט די געלט צו מאכן א ארדער ביי די דריי גוד סטאר וואס גיבט גוטע סערוויס און האט געברענגט די וועש צו די טיר.

אן אנדערע טאג ווען איך בין געגאנגען העלפן ביי די באזאר, גלייך איך קום אן איך וויל אנהויבן די ארבעט לייגט מיר איינער אריין אין די הענט אפאר העמדער פונקט די מאס און סארט וואס איז געשטאנען אויף מיין תפילה ליסט. אזוי איז געווען ממש איינס נאכן צווייטן.

איך האב געזען בחוש ווי דער אייבערשטער האט מיר אויסגעשטעלט די טעג ווען און ווי צו גיין מיט די פונקטליכע נומבער פון געלט צו קענען קויפן און טרעפן די ריכטיגע קליידער און שיך וואס האט מיר אויסגעפעלט פאר יעדע קינד באזונדער.

מ. קארנבלי
ארץ ישראל

1. אין אונזער שטוב האבן זיך פארשפרייט א מחנה פון קליינע ווערעם. מיר האבן גערופן א מענטש וואס ווייסט ווי אזוי מ'ווערט פטור פון אזעלכע סארט באשעפענישן און ער האט געזאגט אז ער קען אונז נישט העלפן.

גלייך האט די גאנצע משפחה זיך גענומען בעטן דעם אייבערשטן. נאך אפאר טעג פון בעטן און ריין מאכן די שטוב, טון ווייטער און בעטן, זענען זיי אוועק און מער נישט צוריקגעקומען!

2. איך האב געכאפט גאר א שטארקע קלאפ אויף מיין

ש. טראכטער

אונזער אלטער זיידע נח

"טאטע, ווער איז יענע אלטע איד וואס האקט און האקט? וואס בויעט ער דארט?"

"אה, יענער דארט? נעבעך, ווי עס זעט אויס איז ער נישט אזוי מיט אלעמען. איך געדענק נאך ווען איך בין געווען א קליין קינד, האב איך דא שפאצירט מיט מיין זיידע און איך האב אים געפרעגט די זעלבע שאלה."

"ער בויעט שוין טאקע אזוי לאנג?"

"יא. עפעס זאגט ער, אז עס קומט א מבול, ווייל מען טוט עבירות. ער בויעט זיך אזא סארט שיף מיט וועלכע ער פלאנט זיך צו ראטעווען."

"איך פארשטיי נישט."

"ער זאגט אז דער אייבערשטער ווארט אז מיר זאלן תשובה טון, ווייל די דור איז פול מיט זינד און אויב מען וועט נישט תשובה טון וועט קומען א מבול וואס וועט פארפלייצן די גאנצע וועלט."

"און אפשר זאגט ער ריכטיג, זיידי?"

"מאך זיך נישט נאריש. ער שרייט שוין אזוי איבער ניינציג יאר!"

"און?"

...

"זיידי, וואס טוט יענע אלטער מענטש דארט?"

"אה, קינד מיינס, דער איז נעבעך איינער וואס איז נישט אזוי מסודר."

"פארוואס?"

"איך געדענק נאך ווען איך האב געפרעגט עלטער זיידי דערוועגן. כמעט דרייסיג יאר צוריק. עלטער זיידי האט מיר דעמאלסט געזאגט אז ער בויעט זיך שוין די שיף איבער ניינציג יאר. דאס מיינט אז יעצט בויעט ער עס שוין כמעט 120 יאר!!"

"עס זעט טאקע שוין אויס כמעט פארטיג. פארוואס בויעט ער עס?"

"ער זאגט אז עס גייט קומען א מבול און ער פלאנט זיך צו ראטעווען דערמיט."

"פארוואס וועט קומען א מבול?"

"צוליב די עבירות פון די דור. דער אייבערשטער וועט ברענגען א מבול. נעבעך... שוין, ער ווייסט נישט וואס ער רעדט."

"אבער זיידע, אפשר יא?"

"איך האב אויך אמאל געזאגט אזוי. אבער קוק. עס איז שוין אריבער באלד 120 יאר... און גארנישט!! שוין, לאמיר נישט פארברענגען די צייט מיט דברים בטלים."

...

הונדערט-צוואנציג-יאר!! 120 יאר האט נח גערעדט און גערעדט, געבעטן און געפאדערט אבער עס איז נישט געווען ווער עס זאל צוהערן דעם קול צדיק. אלע האבן געשפעט, אלע האבן חוזק געמאכט. ער איז שוין געווען די ליצנות פאר דורות... דער אייניקל האט דאס שוין באקומען בירושה פון דעם עלטער זיידן. עס איז נעבעך דא א מענטש וואס לעבט אין דמיון, ער וויינט ממש אז דער דור פאלט. "וואס וויל ער? וואס האקט ער איז קאפ? תשובה? מעשים טובים? אייבערשטער? זאל ער לעבן... און לאזן אנדערע לעבן..." די לצים האבן געשפעט אז נח לעבט אין א דמיון.

עס איז אריבער א יאר און נאך איינס, צען און צוואנציג... און 120! און די רייד פון צדיק איז מקוים געווארן. די וועלט איז פארשווועמט געווארן אין א מבול און נאר די וואס זענען געווען אין תיבה זענען געראטעוועט געווארן.

ווער האט געלעבט אין דמיון? נח האט נישט געלעבט אין דמיון, נאר די אלע וואס האבן ענדערש געוואלט מאכן א לעבן, זיי האבן געלעבט אין דמיון. וואלטן זיי זיך ווען צוגעהערט דעם קול צדיק, וואלטן זיי ארויס פון עולם הדמיון און אנגעהויבן לעבן.

...

מוהרא"ש זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אז די נסיונות היינט זענען דור המבול און דור הפלגה אינאיינעם. אויב אזוי, דארפן מיר זיך בויען א שטארקע און פעסטע תיבה. מיר דארפן זיך גוט גוט באפעסטיגן אינעם צדיק און הערן און פאלגן זיינע עצות כדי אונז, און אונזערע דורות זאלן נישט חלילה פארשוועמט ווערן אינעם דור המבול. מיר זאלן נישט אויסזען ווי דע זיידע מיט זיינע אייניקלעך פון יענעם דור.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל געזאגט, "איך וויל נישט רעדן וואס וועט זיין אין יאר תש"צ. אבער ווער עס וועט זיין אין תיבה (ביים צדיק) וועט זיין באשיצט."

דארפן מיר זיך דעריבער גוט גוט אנכאפן, און שטארק באפעסטיגן אונזער תיבה. מיר דארפן אינוועסטירן אלע אונזערע כוחות אויפצובויען א שטארקע און פעסטע תיבה פאר אונזערע קינדער אז זיי זאלן קענען אריבערשווימען די מבול פון נסיונות וואס ווערט אלץ מער געדעכט.

מיר מוזן נעמען דעם צדיק פאר אונזער מורה דרך. מיר קענען נישט אויסהערן יעדע פאדקעסט אדער פרוי וואס דרוקט אויס איר פעין און איר טראמא, אז זי זאל ווערן מיין מורה דרך.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט אמאל ביי א באטע (פרשת קרח תשפ"ה) "וואס איז דא צו הערן נאך מוהרא"ש? וואס איז דא צו ליינען נאך מוהרא"ש?"

אז מיר זענען זוכה צו טועם זיין די אונגארישע וויין... טארן מיר נישט צווייפלען דערין.

א ווייבל פרעגט מיר איין טאג אז זי וואונדערט זיך אויב מען קען נישט האבן שתי שולחנות, פון ביידע וועלטן. דאס הייסט, סיי הערן פון דער ראש ישיבה אבער אין די זעלבע צייט אויך פון אנדערע. דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל געזאגט, "חיזוק קענסטו נעמען פון יעדן, אבער הדרכה..." דאס דארף א מענטש זוכה זיין צו וויסן פון וואו ער נעמט. (ווי דער ראש ישיבה שליט"א שמועסט עס אויס אין שפתי תפתח אות ט', אז יעדע שבט האט זיין אופן פון תפילה און ווען א מענטש איז זוכה צו וויסן "וואו געהער איך" דאן האט זיין תפילה א מורא'דיגע כח. דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט דארט אז מענטשן דרייען זיך זיבעציג יאר און מען גייט פון איין פלאץ פון צוויטן, מען זעט דא אן אור און דארט אן אור אבער מען איז זיך נישט מיישב, ביז מען טרעפט דעם רבי'ן וואס געט אונז אזעלכע ליכטיגע עצות וויאזוי אדורכצושווימען דאס לעבן, וואס דאן ווייסט שוין א מענטש "וואס בין איך? ווער בין איך? וואס וויל איך...?")

אגב, וואו נאך איז דאביידע וועלטן אויב נישט דא?! אזיווי עס איז געשטאנען ביי די "געדאנקען אפטיילונג" אין די סוכות בלעטל, "אדער האט מען ביידע וועלטן אדער קיין איינס." דער צדיק געט אונז סיי די וועלט און אויך יענע וועלט. ווייל מיט די עצות פון רבי'ן, לעבן מיר א חיים טובים דא בזה העולם. די לעבן ווערט א גן עדן.

מיין חבר'טע וויל אבער וויסן, "מוז מען טאקע נאכגיין א צדיק אינגאנצן, אדער קען איך נעמען מיין כזית אפיקומן און ווייטער גיין?" איז נישט די מושג פון "פאלגן א צדיק, נאכגיין א צדיק..." אביסל פארקנאקט? פארצייטיש?

די שאלה האב איך אסאך מאל פון תלמידות וואס פרעגן ענליך. זיי ווילן זיין מער "אפען מיינדעד" (אפענע קעפ). און זיי ווילן וויסן צו עס קען נישט זיין ביידע אינאיינעם. דאס הייסט האבן תמימות, גלייבן אין צדיקים און באשעפער, אבער אין די זעלבע צייט ליינען אלע צווייפלהאפטיגע מאגאזינען וואס די גאס פארקויפט. זיי וואונדערן זיך אויב אן ערליכע איד קען טאקע נאר זיין איינער וואס איז באמת אפגעשיידט פון מאוויס, נישט אזעלכע אויסגעהאלטענע ליין מאטריאל וכו'? קען מען נישט זיין א ערליכע איד מיט די אלע זאכן?

...

אויב ביסטו אביסל באהאוונט אין די נפלאות הבורא וויאזוי אונזער קערפער ארבעט, ווייסטו געוויס וויאזוי דאס עסן גייט אראפ אין האלז. דארט איז דא צוויי "פייפס" (רערן): די קנה און די ושט (esophagus and windpipe).

איינס איז פאר די עסן וואס גייט אראפ און די צווייטע איז פאר די לופט צו אטעמען און רעדן. וויאזוי גייט טאקע די עסן אריין אין די ריכטיגע רער און נישט אין די רער וואס איז געמאכט צו אטעמען? דער אייבערשטער האט באשאפן א ספעציעלע הייטל (epiglottis) וואס דאס האלט אין איין שפרינגען. ווען דער מענטש עסט, דעקט עס צו די רער פון לופט און ווען די מענטש רעדט, דעקט עס צו די רער פון עסן. (דערפאר איז אזא סכנה צו רעדן אינמיטן עסן ווייל די הייטל שפרינגט און דאן קען די עסן אריינגיין אין די נישט ריכטיגע רער).

אזוי איז אויך מיט אונזער מח. אפן צו איין זאך, מיינט צוגעמאכט צו א צווייטע זאך. דער הייליגער רבי זאגט אז א מענטש קען נישט טראכטן צוויי מחשבות אין איין מינוט. א מענטש קען נישט לעבן מיט מערערע הדרכות. אזוויי מוהרא"ש זי"ע שרייבט מערערע מאל אז א ציגעלע וואס זייגט פון צוויי מאמעס ווערט קרעציג.

אויב איז מיין מח אפן צום צדיק, צו אייבערשטער, צו תכלית, דאן מאך איך צו מיין מח צו עבירות, הבל און נארישקייטן. אבער אויב איך באשליס יא צו עפענען מיין קאפ און אויסהערן יעדן'ס שיטות און דעות, דאן ליידער ווערט מיין מח פארמאכט צו תכלית און צו אמת, צום קול פון צדיק. די הייטל שפרינגט. וואס דעקט עס צו ביי דיר אין מח?!

איך דארף מאכן א באשלוס, וואס לאז איך אריין אין מיין מח? וואס פולט אן מיין מח? ווער פירט מיין לעבן? דאס וואס פולט אן מיין מח, דאס פירט מיין לעבן. דיינע מחשבות זענען די דשי. פי. עס. פון דיין לעבן. דארט איז וואו דו גייסט אנקומען. און וואס דיקטירט דיינע מחשבות? דיין הארץ. און דיין הארץ איז אנגעפולט מיט דאס וואס דו הערסט און דאס וואס דו לייענסט.

מיר האבן יעצט געזינגען דעם יו"ט: "אום (אם) אני חומה" דאס גייט אויף ארויף אויף די אידישע מאמע. די מאמע- איז די פעסטונג פון איר שטוב. זי בויעט די תיבה. די שטעלט די ווענט ארום איר הויז. א אידישע שטוב מוז האבן ווענט! א אידישע שטוב לאזט נישט אריין יעדע סארט השקפה פון די גאס. א אידישע שטוב איז פעסט פארמאכט צו די ווינטן וואס בלאזט. דאס איז די לויב פון אידישע קינדער. דאס האט שוין בלעם הרשע געזאגט, "מה טובו אוהליך יעקב!" ווי שיין זענען די געצעלטן פון די אידן.

אין יענע צייט זענען די אידן געווען אין מדבר און זיי האבן געהאט געצעלטן איינס קעגן די צווייטע. אבער זיי האבן אכטונג געגעבן אז די טירן זאלן נישט זיין איינס קעגן צווייטן. א אידישע שטוב איז אפגעזונדערט. מיר פירן נישט אונזער לעבן לויט אונזערע שכנים. מיר פירן אונזער לעבן לויט וויאזוי דער אייבערשטער האט אונז געהייסן און מיט די הדרכה פון צדיק. דאס איז אונזער תיבה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אזוי געוויינט און זיך געבעטן דעם פארגאנגענעם הושענא רבה (אשרי עין ראתה זאת) "א אידישע שטוב מוז האבן א דעת תורה. א אידישע שטוב מוז לעבן מיט אן ערליכע איד."

און א אידישע מאמע האט א גרויסע כח, ספעציעל מיט איר כח התפילה, דאס צו פועל'ן. אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די זכי' צו הערן און וויסן פון אזעלכע ליכטיגע עצות פון צדיק, דארפן מיר זיך מחזק זיין דאס צו מחזק זיין און נישט ח"ו פארקערט. צומאל ברענגט דער יצר הרע אריין קשיות און ספיקות, ווער זאגט? עס מוז טאקע אזוי זיין?

קוק צוריק צו פרשת נח. 120 יאר האט מען געזאגט, "ווער זאגט?" 120 יאר האט מען געזאגט, "איך מיין ער טרייבט איבער."

אבער א צדיק האט א ווייטע בליק. ווייטער ווי אונז פשוט'ע מענטשן קענען זען. און דערפאר דארפן מיט זיך אונטערבייגן מיט הכנעה צו דעת תורה.

מענטשן מאכן א טעות. מען מיינט אז תמימות מיינט נאריש, אז תמימות מיינט אן שכל. אבער דאס קען נישט זיין ווייטער פון דעם אמת. עס איז א גרויסע חכמה צו זיין תמימות'דיג. דער פאקט ווייזט אז די מענטשן וואס קענען זיך נישט אונטערבייגן אונטער דעת תורה, זענען דייקא נאריש. נאריש איז צו זאגן, "איך פארשטיי אליינס. איך פארשטיי בעסער." א חכם פארשטייט אז עס איז דא איינער וואס איז נאך גרעסער פון דיר. עס איז דא איינער וואס קען דיר נאך עפעס לערנען.

ווען מען גייט צו א דאקטער קענסטו גלייך זען ווער עס איז א ערפארענע און קלוגע דאקטער און ווער עס איז א פרישע, נארישע און יונגער סטודענט.

אויב דער דאקטער גרויסט זיך און וויל נישט הערן וואס דו זאגסט אים, נאר ער זאגט וואס ער האט צו זאגן און שפאצירט ארויס, און פארשטייט אלעס אליינס, איז ער ווארשיינליך א פרישע, אומערפארענע דאקטער. א גרויסער, גוטער און גענייטער דאקטער וועט דיר אויסהערן און אפילו וועלן הערן אויב דו ווייסט עפעס וואס ער ווייסט נישט.

ענוה, הכנעה איז א סימן פון חכמה. וועלן גיין צו אן ערליכע איד און פרעגן אלע דיינע ספיקות און שאלות ווייזט אז דו ביסט גענוג א חכם צו קענען קונה זיין תמימות!

די וועלט רוישט. עס גייט א מבול פון נסיונות. דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט, "אדער א נסיון אדער א בזיון." אדער שטייט מען ביי דעם נסיון אדער האט מען נעבעך א בזיון. לאמיר באפעסטיגן אונזער תיבה פאר אונז און פאר אונזערע דורות. לאמיר מאכן תפילה אז מיר זאלן בויען א שטארקע און פעסטע תיבה וואס וועט אדורכשווימען די מבול אין וועלכע מיר לעבן.

בא אתה אל התיבה

מ. פאפענהיים

מיין סוכות אין ירושלים

דער פוד פראסעסער באש מאשין האט זיך פלינק געדרייט און איינגעשלונגען איין קארטאפל נאכן אנדערן: "הייליגער באשעפער" האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "העלף די קוגל זאל ארויסקומען גוט און האבן א טעם גן עדן". איך האב עס אריינגעלייגט אין אויוון און אנגעהויבן וואשן די געשיר.

די קינדער האבן זיך געדרייט און געפריידט אונטער די פיס, די גרעסערע זענען געזעצן אין סוכה און זיך געשפילט מיט די נייע אינטערעסאנטע קארטלעך וואס זיי האבן געוואונען אין אומאן, נאכן מיטהאלטן דעם חדר, און די קלענערע האבן סתם איבערגעדרייט די הויז... נאכן וואשן די געשיר האב איך זיך בארעכנט זיי צו פארשפילן אביסל.

"ווער וויל שפילן מיט מאמי?" האב איך אויסגערופן, אין א אויגנבליק זענען זיי ארום מיר. "מאמי, קום בויען מיט לעגא" שלעפן זיי מיין קלייד... איך האב אכטונג געגעבן מיינע אויגן און געקוקט נאר אויף זיי, א שאד צו באמערקן וויפל זיי האבן אנגעווארפן ווען איך בין געווען אין קאך, מען דארף דאך אביסל הנאה האבן דעם חול המועד אויך... אזוי האב איך זיך געטראפן בויען א הויכע הויכע טורעם... מיט מענטשעלעך... די מחיה'דיגע גערוכן פון א קוגל וואס האט זיך פארשפרייט אין הויז, האט אונז דערציילט אז די צייט איז געפלויגן. "קינדערלעך" האב איך זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשאקלט מיין קלייד "קומט צאמנעמען די שפילצייג מען גייט שוין גיין צו שמחת בית השואבה".

זיי שפרינגען אויף מיט פרייד און הייבן אן צאמפאקן, עס ווערט שוין שפעט און איך זע דא און דארט

פארגעסענע שפילצייג, אבער ס'איז נישטא קיין צייט פארדעם. די אינגלעך טוישן זיך שנעל א ווייסע העמד, איך פאק גוט איין די קוגל און זיי גייען ארויס מיט דעם פארזיכטיג צום שול.

איך ענדיג אויסרישן די אנדערע קינדער, און מיר גייען ארויס, איך ווייס אז אזוי ווי איך לאז איבער מיין הויז אזוי גיי איך עס טרעפן שפעט ביינאכט ווען איך קום צוריק, אבער עס איז דאך חול המועד היינט, מען קען דאך נישט א גאנצן טאג פלעין זיצן אין שטוב... וועט מען זיך שוין אפרעכענען מיט דעם נאך יום טוב...

די אטמאספער אין שול איז פרייליך און דערהויבן, עס האט זיך געלוינט זיך ארויסצושלעפן עס צו מיטהאלטן, די מענער זיצן אין סוכה נעבן שול, און די פרויען זענען אין ווייבער שול, מען האלט נאך אינמיטן די סעודה וואס ווערט געפראוועט צוזאמען מיטן יארצייט פון הייליגן רבי'ן, איינער האט געברענגט די בילקעלעך, א צווייטער די טחינה, מיר האבן געמאכט א קוגל, און א דריטער האט אפעקאקט פיינע פלייש... אזוי איז געווארן צאמגעשטעלט א הערליכע היימישע פיינע סעודה. איין אינגערמאן נעמט ארויס זיין קלארינעט און שפילט אונטער פרייליכע ניגונים...

נאכן בענטשן קומען די מענער אריין אין שול, איינער פון אנשי שלומינו שטעלט אויף די מוזיק, און די מענער לאזן זיך ארויס אין פרייליכע טענץ. די שמחה פארט אריבער אלע גרעניצן, יעדער טאנצט און פריידט זיך, א בא'חנ'טער בחור'ל פון ישיבה נעמט דעם מייק און דערהייבט זיין זיסער קול: אשרינו... שזכינו... להתקרב לרבינו... דער עולם הייבט זיך אין די לופט. אז עס מאכט זיך אז דער פרישער מוזיקאנט קען נישט אפשפילן א נייער ניגון, וועט א צווייטער אים איבערנעמען... דער עיקר מען איז פרייליך... איינער מאכט א קאדאטשקע מיט א פלאש אויפן קאפ, א צווייטער טאנצט מיט א באנק אויף די ציין... א דריטער שטעלט זיך אויפן קאפ מיט די פיס אינדערהייך... די פרויען האבן הנאה עס צו מיטהאלטן פון אויבן פון ווייבער שול...

מען טרעפט זיך אביסל מיט אנשי שלומינו און מען פרובירט איבערצושרייען די מוזיק צו הערן אביסל ווי אזוי עס איז אריבער די ימים נוראים איינער ביים צווייטן, ווי אזוי מען האט זיך (נישט) א עצה געגעבן ראש השנה, ווען די מענער זענען געווען אין אומאן. און די מעשיות פון תפילה ווי אזוי מען איז אנגעקומען צו יעדן יום טוב און שבת... אינצווישן... עס קומען אויך אריין אנשי שלומינו פון אנדערע שטעט, עס איז טאקע דא א שול אין יעדן שטאט וואו עס זענען שוין דא אפאר משפחות, אבער אז איינער געפינט זיך פונקט אין ירושלים וועלן זיי אויך קומען מיטהאלטן די שמחה.

דא און דארט פאלן אריין פרישע מקורבים, קודם קוקט מען נאר אריין, נאכדעם וואגט מען זיך אריינצוטרעטן שטיל, שעמעדיג, אבער גאנץ שנעל ווערט מען מיטגעשלעפט אינעם ווארעמען אטמאספער, מיר זענען דאך אלע נאר היינט מקורב געווארן... עס זענען דא אזעלכע וואס וועלן בעטן פארן זיך ארויסשלייכן אויף צוריק, ”דערצייל נישט איבער אז דו האסט מיר דא געטראפן, מיין שוויגער, באבע אדער זיידע און מומע טארן נישט וויסן אז איך בין דא אנגעקומען...” עס בלייבט אונז נאר צו בעטן דעם אייבערשטן אז דעם הייליגן רבינ'ס ליכטיגקייט זאל זיך פארשפרייטן און ליכטיג מאכן אלע אידישע הערצער...

די צייט פליט אריבער, עס ווערט שוין שפעט, דער זייגער ווייזט שוין נאנט צו חצות, און אין מענער שול איז מען שוין גוט אויסגעשעפט. צוביסלעך

ווערט איינגעשטילט די מוזיק, די פלינקע בחורים'לעך שטעלן צוריק די בענק אויפן פלאץ, עס זאל זיין גרייט פארן מארגנדיגן דאווענען, און מען דארף אהיימגיין... מארגן איז נאך א טאג, עס ווארט אויף אונז א פולער חול המועד טאג, אנגעפילט מיט אסאך פרייליכע מינוטן.

מיר גייען ארויס פון שול. צו איז טאקע דער זייגער אזוי שפעט? די ירושלים'ער געסלעך קאכט און ווירבלט מיט מענטשן, ס'זעט אויס ווי טיף אינמיטן טאג! אוודאי אזוי, נישט נאר מיר האבן געפראוועט א שמחת בית השואבה, אויך אין שול דערנעבן האט מען היינט נאכט געטאנצט און זיך געפריידט לזכר די גרויסע שמחה וואס איז געווען אין בית המקדש יעדע נאכט לכבוד די מצוה פון ניסוך המים. עס זענען דא פלעצער וואו מען טאנצט יעדע נאכט ביזן עלות מיט לעבעדיגע מוזיק.

אין אנדערע חסידי'שער הויף איז באוואוסט מיט זייערע גוטע קאמפאזירער און געלונגענע ניגונים, און די אפגעכאפטע סידי'ס פון זייערע לעבעדיגע נעכט ווערט נאכדעם איבערגעשפילט אין יעדע חסידי'שע שטוב. ביי געוויסע פלעצער ווערן די מיידלעך און פרויען שטיין ביים טיר פון ווייבער שול פון נאכמיטאג, כדי צו קענען כאפן א גוטע פלאץ מיטצוהאלטן די פרייליכע מוזיק, און דער עיקר צו זען די לעצטע האלבע שעה ווי די בחורים'לעך טאנצן דעבקעס און הארא. אויך אונזערע ספרד'ישע ברידער פראווען די שמחה אויף זייער וועג און אייגנארטיגע ניגונים.

מיר גייען אהיים מיט די מידע קינדער, און שטופן זיך אריבער צווישן די מענטשן, פון גאנצן לאנד קומט מען מיטהאלטן די פרייליכע חול המועד נעכט אין ירושלים. אזוי אז ממש אין אלע גרויסע שולן האט מען אוועקגעשטעלט א שומר ביים טיר וואס לאזט נאר אריינקומען מיט א קארטל וואס מען געבט פארשטייט זיך נאר פאר אייגענע מענטשן.

די גאסן זענען פול, מענטשן קומען און גייען, ווער זעט בכלל דעם זייגער? מען האט דאך קוים אנגעהויבן!

ענדליך קומען מיר אן אין שטוב, די אינגלעך הייבן אן אריינצושלעפן די קישענעס און דעקעס אין סוכה, די קליינע וויינען שוין פון מידקייט אבער גייען גלייך שלאפן.

איך גיי ארויס אין סוכה זען ווי די אינגלעך האלטן, זיי טאנצן און שפרינגען אויף די מאטראצן... מען הערט פונדערווייטנ'ס לעבעדיגע מוזיק, עס גלוסט זיי בכלל נישט צו גיין שלאפן... איך כאפ א בליק אויפן זייגער עס איז נישט מער ווי איינס אזייגער אינמיטן נאכט... איך מיין אז איך קען פארגעסן אז זיי זאלן בכלל שלאפן די נאכט, מסתמא וועט מען דא הערן מוזיק ביז פארטאג'ס...

איך האב נישט קיין כח זיך צו נעמען צו זייערע ביינער, איך טראכט צו מיר, וואס איז די מעשה מיט אונז? עס זענען דא אזויפיל גרויסע חסידי'שע הויפן, אנגעפילט מיט וואוילע ערליכע אידן, מיר שטאמען דאך פון דורי דורות גרויסע גאונים, צדיקים, און ערליכע אידן, וואס האט אונז אויסגעפעלט צו מאכן אזא טויש, און ווערן מקורב צום הייליגן רבינ'ס דרך?

קוק זיך ארום וואס טוט זיך אין אנדערע פלעצער, מען טאנצט און מען שפרינגט, מען קאכט און מען פלאמט, איין בעקעלע קוגל זאל זיין גענוג פארן גאנצן עולם? ביסט משוגע? ווייסט וויפיל קאווע און צוקער עס גייט נאר אין איין צופרי? איינס אזייגער ביינאכט זאל מען שוין האלטן נאכן ענדיגן די שמחת בית השואבה? אזוי פרי???

אזוי טראכטנדיג שווימט מיר ארויף די מעשה וואס האט פאסירט מיט רבי נתן, ווען איין יאר שמחת תורה אויפן וועג אהיים פון שול איז ער אריבער מיט עטליכע תלמידים נעבן א גרויסע שול פון די מתנגדים, עס האט ארויסגעדונערט פון דארט א פייערדיגע קאכעדיגע 'אתה הראת'. איינע פון די תלמידים האט געהאט פון דעם א מורא'דיגע חלישות הדעת, און ער האט זיך אנגערופן צו רבי נתן: "קוק ווי מיר זענען אויס, קוים א מנין, און מיר האלטן שוין נאך אלע הקפות, אנטקעגן דעם קוק ווי די מתנגדים קאכן און פייערן מיט די תורה".

האט רבי נתן אים געענטפערט: "זיי פייערן טאקע גוט בשעת'ן זאגן אתה הראת, אבער וואס עס טוט זיך פארן אתה הראת און נאכן אתה הראת ווייסט נאר דער אייבערשטער"...

טאקע וועגן דעם וועל איך דאנקען דעם אייבערשטן אז איך בין אנגעקומען אין ברסלב, אז איך האב געטראפן דעם רבי'ן וואס געבט מיר א וועג ווי אזוי מיטצונעמען די השפעות פון יום טוב אויף די קאלטע אומעטיגע טעג נאכדעם, ווי אזוי זיך צו מחזק זיין אנצוגיין ווען מען שפירט נישט קיין גרויסע אורות...

איך בין זיכער אז דעם רבינ'ס נאנטע מענטשן האבן געהאט א צושטערטן פאר'אבל'טן יום טוב די יאר וואס דער הייליגער רבי איז נפטר געווארן, אבער דער הייליגער רבי האט אונז איבערגעלאזט א גרויסע ירושה אין זכות פון זיין הייליגן תלמיד רבי נתן.

עס איז שוין 215 יאר וואס דער הייליגער רבי לעבט נישט, קוק זיך ארום, צדיקים במיתתן קרואים חיים - דער הייליגער רבי איז נאך יא דא מיט אונז!

די זעלבע מחלוקת און לשון הרע וואס מען האט גערעדט אויפן רבי'ן רעדט מען נאך ווייטער ביז היינט, אויך אויף די וואס נעמען חיות פון רבי'ן און פארשפרייטן עס פאר אנדערע...

ווייל דער רבי הייבט אונז אויף פון די ערגסטע בלאטעס, וואשט אפ אונזערע נשמות, און ברענגט אונז צו צו די העכסטע מדריגות.

שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר געהאלפן אריבערצוגיין די שווערע מניעות אויפן וועג צו אנקומען צום רבי'ן, העלף מיר איך זאל זיך קענען ווייטער דערהאלטן מיין גאנצן לעבן.

קליין און פיין

מרדכי און מנדי לב

שלמה און חיים בוים



יהושע שטיינבערג

בייניש שארף



ברכי און סימי בלעדי



שלום פארקאש

פייגי און חי' לאנדא



יוטי שטיינבערג



שנה טובה בית פיגא ירושלים

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

משפחת פינטער

צפורה בירנבוים

פייגעלע פרידריך

פייגא בוים

שרי שטיינבערג

חני אפפעל

משפחת ראבינאוויטש



יוסי לונגער

משפחת יאקאבאוויטש

געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב

כפרות סענטער אין שטעטל

דער ראש ישיבה שליט"א ביים שלאגן כפרות

דער שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו ביים פארטיילן קעיק נאך שחרית

קרעדיט: משה איינהורן, שמואל בלעדי, loop plumbing, נפתלי זאבעל, איציק מענדלאוויטש, שמעון פארטוגאל, שמעון פיש, יוסי פרערויא, אייזיק ראטה,

דער ראש ישיבה שליט"א ביים שלעפן די ברעטער פארן סוכה

ד' מינים יריד אין שטעטל

די געטרייע גבאים ביים בויען די סוכה אויף האשקי

דער געטרייער גבאי מו״ה נפתלי גאלד הי״ו ביים
בויען די סוכה פארן ביהמ״ד אין רמת בית שמש ד׳



דער געטרייער בחור משה רוטמאן הי״ו ביים בויען
די סוכה פארן ביהמ״ד היכל הקודש ירושלים

ביים אויפשטעלן די סוכה אין היכל הקודש בראכפעלד

די גרעסערע קינדער פון תלמוד תורה אין שטעטל ביים
לערנען אין היכל ראזענבערג

די קלענערע קינדער ביי די ביהמ״ד אויף די ירושלים
גאס צוליב די בוי ארבעט ביים חדר

די גרעסערע קינדער פון תלמוד תורה אין שטעטל ביים דאווענען שחרית אין ביהמ״ד אויף האשקי

שמחת בית השואבה, בסוכת מו"ה אברהם אלי פרידריך הי"ו



נענועים חול המועד סוכות תשפ"ו

ברית פון הילד נחמן משה ב"ר מו"ה זושא פרידמאן הי"ו

נענועים חול המועד סוכות אין קרית יואל

יארצייט סעודה פונעם רבי'ן אין שטעטל

שמחת בית השואבה אין היכל הקודש בני ברק

יארצייט סעודה פונעם רבי'ן אין היכל הקודש צפת

יארצייט סעודה פונעם רבי'ן אין מודיעין עילית

יארצייט סעודה פונעם רבי'ן אין היכל הקודש ירושלים

יארצייט סעודה פונעם רבי'ן אין היכל הקודש בית שמש רמה ד'

יארצייט סעודה פונעם רבי'ן
אין היכל הקודש אלעד

מלוה מלכה מיט שמחת בית השואבה אין סוכה פון מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו אין שטעטל

יארצייט סעודה פונעם רבי'ן אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל

משנה תורה אין שטעטל



אין קרית יואל

אין בני ברק

הושענה רבה מיטן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל

סיום השס פון מו"ה אייזיק ראטה הי"ו

פרייליכע טענץ מוצאי יום טוב

הקפות שניות אין בני ברק

הקפות שניות אין בית שמש

משנה תורה אין יבניאל

הקפות שניות אין יבניאל

מ'גרייט אן די קידוש פאר שמחת תורה



דער שמש ביים צונעמען די סוכה מוצאי יום טוב

ג׳ אלול

ו׳ תשרי

ז׳ תשרי

ז׳ תשרי

ח׳ תשרי

ט׳ תשרי ערב יום כיפור

י״א תשרי



י״ד תשרי ערב סוכות



די שיינע גרויסע כיתות גרייט נאכן ענדיגן די ארבעט

Time for fall cleanup
Let us clean your lawn this season and ensure peace of mind with our reliable service. Call us today.
FULL CLEANUP
LEAF CLEAN UP
PROPERTY CLEAN UP
ARIATION
KB GROUP
property management and construction team
845.439.0001
kbmanagementny.com

פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן בשם אלע
תלמידים א הערצליכן

ברכת
מזל טוב

פאר אונזער חשובער

ראש ישיבה שליט"א
וזוגתו תחי'

לרגל שמחת
הולדת בנו למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט. און ווייטער האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

וואונטש קרית ברסלב בלעטל

*sruliHeskel